## II

Mikhel was head belfer for Shloyme Beshekhes, the best teacher of young children (the *dardeke-melamed*). He was nicknamed Mikhel Gravestone, because he always walked bolt upright, keeping his head high instead of sticking it forward the way other people do. Mikhel had a lovely penmanship and he studied the Pentateuch with the finest group. That was why he enjoyed the esteem of Shloyme Beshekhes, the teacher. Shloyme paid him twenty silver guldens a semester plus belfer money for every child, which added up to something like twenty guldens more per semester. Mikhel took his meals with the householders, rotating month after month.

Mikhel Gravestone, Mikhel the Belfer, earned another twenty silver guldens each semester teaching girls how to write. The rich daughters were tutored in reading and praying by Shloyme Beshekhes, but Mikhel was paid extra to teach them penmanship.

Mikhel the Belfer also knew a little of the Muscovite language, and so the Jews would ask him to read a ticket for them: "Please, Mikhel, just glance at it, would you, and tell me how long it's good for." You don't pay a single kopek for a favor like that, you don't even say "thank you," because Mikhel's news was almost always bad: "Uh, oh! Your ticket expired a long time ago."

Mikhel could also do arithmetic. But that's a pretty useless skill, because the Jews in such a town have a standing joke, which always cracks them up: "Oh boy! Where can I ever get the money that I could count up with circles and dashes! The guys doing arithmetic always say: 'Five, take away eight, take away, take away.' In the end, there ain't a kopek in sight, hahaha!"

Mikhel Gravestone, a handsome boy of twenty or so, with curly earlocks that were always crisp from being shampooed in beer, with whole pointed shoes, stockings made of thread down to the middle and cotton below, linen breeches with yellow ribbons, a blue taffeta *arbe-kanfes* (ritual undergarment), a collar at his throat, a gaberdine with hooks (no straps), tightly girded in a black belt, a high fur hat, and a clean velveteen skullcap. All this was known as: Mikhel the Belfer.

During the summer (before the winter in which our story begins), Sheyntse learned how to pray and read and write a lot better than all the other girls, and Mikhel received his fifteen silver guldens.

The beadle and his wife groaned at shelling out the cash, but they were delighted that their only child was so interested and that she could pray and read fluently plus write all the model epistles by heart and very well to boot.

## 2

מיכל בעלפֿער איז געווען בײַם בעסטן דרדקי־מלמד שלמה בעשעכעס דער איבער־בעלפֿער. מען האָט אים גערופֿן מיכל מצבֿה, ווײַל ער איז תּמיד גלײַך, מיטן קאָפּ אַרויף, געגאַנגען (ניט ווי אַנדערע, וואָס דער קאָפּ גייט בײַ זיי פֿריִער). מיכל האָט געקענט שיין שרײַבן, און מיט דער גרעסטער כּיתּה האָט ער געלערנט חומש. דעריבער איז ער חשובֿ געווען בײַ דעם מלמד שלמה בעשעכעס. ער האָט אים געגעבן מדי זמן בזמן צוואַנציק ווײַסע גילדן, אַחוץ בעלפֿער־געלט פֿון איטלעכן קינד. דאָס האָט אפֿשר געמאַכט נאָך אַ מאָל צוואַנציק גילדן אַ זמן. קעסט האָט ער חודש־ווײַז געגעסן בײַ די באַלעבאַטים.

נאָך האָט דער מיכל מצבֿה, מיכל בעלפֿער, געהאַט אַ זמן נאָך מער פֿון צוואַנציק ווײַסע גילדן, וואָס ער האָט געלערנט מיידלעך שרײַבן. נגידישע מיידלעך האָבן לייענען און דאַוונען געלערנט בײַם מלמד שלמה בעשעכעס. נאָר פֿאַרן שרײַבן האָט מען מיכלען באַזונדער געצאָלט.

מיכל בעלפֿער האָט געקענט אַ ביסל מאָסקוויטעריש[10] אויך, פֿלעגט מען צו אים גיין איבערלייענען אַ בילעט. „איך בעט דיך, מיכל, טו נאָר אַ זע, ווען גייט מיר אויס מײַן בילעט!" — פֿאַר אַזאַ טובֿה צאָלט מען ניט אַ גראָשן, אַפֿילו אַ שיינעם דאַנק זאָגט מען ניט, ווײַל לרובֿ האָט מיכל אַ שלעכטע בשׂורה געזאָגט: „האָ, האָ, דער בילעט איז שוין לאַנג עובֿר".

ציפֿער האָט מיכל אויך געקענט. דאָס איז אָוודאי גאָר ניט צו נוץ געקומען, ווײַל ייִדן פֿון אַזאַ שטאָט זאָגן אַ גלײַכווערטל און לאַכן דערבײַ: „היי, היי, ווו נעם איך דאָס געלט, וואָס איך וואָלט געקענט איבערחשבונען מיט רינגעלעך, שטריכעלעך! אָט די, וואָס רעכענען אויף ציפֿער, זאָגן אַלץ: „פֿינעף, באַהאַלט אַכט, באַהאַלט, צום סוף איז ניטאָ אַ גראָשן, כאַ־כאַ־כאַ"...

מיכל מצבֿה, אַ שיינער יונג פֿון אַ יאָר צוואַנציק, מיט גע־קרײַזלטע פּאות, תּמיד האַרט פֿונעם צוואָגן מיט ביר, גאַנצע שיך מיט שפּיצן, און זאָקן ביז אין דער העלפֿט פֿאָדעם, ווײַטער אַראָפּ פֿון באַוול, אין לײַוונטענע פּלודערן מיט געלע בענדלעך, אין אַ בלויען קיטאַיאָווענעם אַרבע־כּנפֿות, מיט אַ קעלנערל פֿאַרן האַלדז, אַ קאַפּטאַניק מיט העקעלעך (ניט מיט סטראָקעס), און שטאַרק צוגעגאַרטלט מיט אַ שוואַרצן גאַרטל, אַ הויכן ספּאָדעק מיט אַ ריינער פּליושענער יאַרמלקע. דאָס אין גאַנצן האָט געהייסן מיכל בעלפֿער.

שיינצע האָט איבערן זומער (פֿאַר דעם ווינטער, וואָס אונדזער מעשׂה הייבט זיך אָן) זיך אויסגעלערנט דאַוונען און לייענען און שרײַבן טאַקע בעסער פֿון אַלע מיידלעך, און מיכל האָט גענומען זײַנע פֿופֿצן ווײַסע גילדן.

דער שמש מיט דער שמשטע האָבן אַפֿילו געקרעכצט פֿופֿצן גילדן צו געבן פֿון דער קעשענע, נאָר פֿאַרט האָבן זיי הנאה געהאַט, אַז דאָס אײנציקע קינד האָט גרויס חשק געהאַט און האָט געקענט דאַוונען, לייענען ווי אַ וואַסער, דערצו אַלע פֿירגריזן האָט זי געקענט אויסנווייניק שרײַבן, ווויל טאַקע.

[10] רוסיש (פֿון מאָסקווע).

Aaron the Beadle had a good head on his shoulders, and when the wealthy men in town said: "Mazel-tov, Aaron!" he replied instead of thanking them:

"Mazel-tov to *you*, *you* re the ones who are giving the wedding, so I have to be congratulating *you*, y' know. I'll be coming around to collect money for the dowry, y' know, and the clothes."

The bridegroom, Mikhel the Belfer, was smart enough to be delighted when he saw that Beautiful Sheyntse had become even more beautiful and was growing more and more beautiful by the day. He really loved Sheyntse, and after the engagement contract was signed, she began loving her Mikhel too. In a shtetl like—oops! pardon me, that was a slip of the tongue—in a *town* like Nosuchville, a man and his fiancée aren't supposed to talk a lot. But on the pretext of wanting to teach her arithmetic ("Who knows, it might come in handy some time!" said Aaron the Beadle), Mikhel came over every day. Whether they did any arithmetic, nobody knows—but they did chat as behooves an intelligent bridegroom and a beautiful bride.

אהרן שמש, אַ קלוגער ייִד, האָט אַלע נגידים בשעת זיי האָבן אים געזאָגט „מזל־טובֿ, אהרן״, געענטפֿערט (ניט אַ שיינעם דאַנק):

— מזל־טובֿ אייַך, איר וועט דאָך חתונה מאַכן, קומט אייַך דער מזל־טובֿ, משונה. איך וועל נאָך זייַן אַ שמש בייַ אייַך, צונויפֿנעמען דאָס געלט אויף דעם נדן און אויף קליידערלעך, משונה.

דער חתן מיכל בעלפֿער האָט שׂכל געהאַט הנאה צו האָבן, אַז ער האָט געזען, ווי די שיינע שיינצע איז נאָך שענער געוואָרן און ווערט וואָס אַ טאָג שענער און שענער. ער האָט שיינצען זייער ליב געהאַט, און זי האָט ערשט נאָך די תּנאים אָנגעהויבן איר מיכלען זייער ליב צו האָבן, כאָטשע אין אַזאַ שטעטל (איך האָב אַרויסגעכאַפּט, האָט ניט פֿאַראיבל) — אין אַזאַ שטאָט ווי לויהאַיאַפּאַלי טאָר אַ חתן מיט אַ כּלה ניט פֿיל שמועסן, נאָר דורך דעם אויסרייד, אַז ער וויל זי אויסלערנען ציפֿער, חשבונגען (מהיכא־תּיתי, עס קאָן אַמאָל צו נוץ קומען", — האָט אהרן שמש געזאָגט), פֿלעגט מיכל אַלע טאָג צו קומען. אויב ער מיט איר האָבן געציפֿערט, ווייסט מען ניט — געשמועסט האָבן זיי אוודאי ווי אַ קלוגער חתן מיט זייער אַ שיינער כּלה האָבן געדאַרפֿט.

[11] לך („קאָמעדיאַנטשיק״).

[12] מלכות (אין שטײַעראַמט). — [13] גערבאָווע, מלוכהשע.

[14] באַלד. — [15] טאָמער פֿעדערט זיך אַן אַנדערער. — [16] אייזעלע.
[17] צווײ הונדערט גאָלדשטיקלעך.

[18] (בראשית כ״ג, ד) אַ פֿרעמדער, אָבער אַ תּושב בין איך בײַ אײַך. —
[19] אָרעם, געפֿאַלן.

[20] פֿאַרשטאַנדיקער מענטש. — [21] גיב נישט און ביל נישט. — [22] פֿאַרעם, מאַניר.

The townsfolk were tired after such a long fast; standing outdoors in the winter didn't agree with some of them, it was freezing cold. So about fifty people hurried over to the inn where Rabbi N. was staying. Whether or not they liked the community elders' sentence, they were glad that something had happened and that something was still happening in Nosuchville.

דער עולם איז מיד פֿונעם טענית, אַ טייל — אין דרויסן צו שטיין איז עס ווינטער ניט גוט, (ס'איז) דערפֿרוירן צו ווערן. דע־ריבער זײַנען נאָר אַ פֿופֿציק מענטשן געלאָפֿן צו ר' ...ס גאָספּידע, וווּ ער שטייט־אײַן. די איבעריקע זײַנען צעגאַנגען ווי זאַלץ אין וואַסער. יאָ הנאה פֿון קהלס פּסק, ניט הנאה — אַבי עס האָט זיך עפּעס געטאָן און עס טוט זיך נאָך אין לויהאָיאַפּאָלי.

[23] (שפּעט־לשון) פּרצוף, טריף פּנים.

[24] אַן אייבערשט מענערש מלבוש, איבערן העמד און אַרבע־כנפֿות.

Rabbi N., the rabbi's son, who had come to Nosuchville to make money, knew nothing of the Talmud or the talmudic literature. Since his father was a scholar, the son hadn't wanted to study in his boyhood, and so he knew absolutely nothing, poor man. And he knew even less about the Cabala. Now a Hassidic rebbe's son has heard enough chatting since his childhood to at least spout some wisdom at a Sabbath repast, but Rabbi N. couldn't even do that. You can lead a horse to water but you can't make it drink. Despite his deficiencies, he was still the rabbi's son. That was all. He didn't have the talent to become anything else, or he didn't want to work very hard. He felt it wouldn't do to work for someone else or become a village merchant. Even though our Talmud says: "It is better to flay a carcass in the street than to ask for charity." But that's one homily Jews like to ignore. And so the rabbi's son traveled about from town to town, from shtetl to shtetl: "Give him money, he's the rabbi's son!"

The rabbi did something that other Hassidic rabbis do. He lied and told falsehoods in a different way. He prophesized no miracles—he told stories. He had bagloads and sackloads of tales about his grandfather, strange tales that weren't in *In Praise of the Baal Shem Tov*. This was a collection gathered by a slaughterer from all the liars in his generation, stories about the Baal Shem Tov and the rebbe, which were printed before Rabbi N. had begun spinning his yarns. He told the biggest whoppers with earnest, pious grimaces as though they were God's own truth and had really happened.

There were some twenty-odd tales, which he kept telling and retailing everywhere and anywhere, over and over again, over and over. When the flock of Hassids get together to hear the stories, that's the time when young husbands try to join the Hassidic ranks themselves. While the older Hassids know the stories from having heard them a dozen times from Rabbi N., they're a novelty for the young pups. They make crazy grimaces, whether they understand the stories or not, whether the stories are probable or not, believable or not, the Baal Shem Tov's grandson has told the stories, and so they must be true, and God forbid that anyone shouldn't swallow them whole—that man could only be a heretic.

However, the Hassidic flock and the young men never give any money, or if they do hand in a small coin, it's never enough for Rabbi N. So he carries his tales to the rich Jews, hoping to unload his wares and make more cash. Some of these rich men give him money just to get him out of the house and avoid listening to his disgusting stories. Some have to suffer through them, after which they fork something over.

Late one night in Kameniets, the rabbi was carrying on in the home of a rich Jew named Moyshe Blank. The host had already given him a few rubles. But Rabbi N. kept telling story after story. It was already midnight, everyone wanted to slip off to bed, but the rabbi wouldn't stop. Finally, a clever soul said:

"Well, apparently you haven't heard about *this* story?"

"What, what? What story?" asked the rabbi. He thought he would have a new lie, some new tale about the Baal Shem Tov. Just what the doctor ordered.



ר׳... דעם ...ער רבֿס, דער וואָס איז אַצינד געקומען קיין לויהאַיאָפּאָלי געלט מאַכן[25]..ר׳... האָט נישט געקענט קיין נגלה[26] (ווי דער פֿאָטער איז געווען אַ למדן, האָט דער זון.... ניט געוואָלט לערנען יונגערהייט און האָט פּאַפּראָסטע[27] ניט געקענט, נעבעך, גאָר לחלוטין גיט). נסתּר[28] (דאָס הייסט קבלה בײַ חסידים) האָט ער, פּשיטא ניט געקענט. אַפֿילו דאָס ביסל פּלוידערן, וואָס אַ חסידישן רבינס אַ זון הערט זיך אָן פֿון קינדוויַיז אָן, כּדי מיט דעם אָפּצוקומען אַ שלוש־סעודות שבת, דאָס האָט ער אויך ניט געקענט. פּשוט איז פּשוט. ער איז געווען אָן אַלע זאַכן נאָר דעם ...ס אַ זון. ניט מער. עפּעס אַנדערש צו ווערן האָט דער ר׳... ניט געטויגט אָדער ער האָט ניט געוואָלט האָרעווען, שווער אַרבעטן. צו שטעלן זיך פֿאַר אַ משרת אָדער פֿאַר אַ שאַפּער[29] אין אַ דאָרף — דאָס האָט ער געמיינט — שטייט אים גאָר נישט אָן (כאָטש אונדזער גמרא זאָגט: פּשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות[30], דאָס הייסט, אַפֿילו אַ שינדער צו זײַן, אַבי ניט צו דאַרפֿן, מען זאָל אים צדקה געבן. דאָס ווילן די לײַט ניט וויסן). דעריבער איז ער אַרומגעפֿאָרן פֿון איין שטאָט צו דער אַנדערער, און פֿון איין שטעטל צום אַנדערן: — גיב געלט, ר׳.... ווײַל ער איז דעם... רבֿס זון.

פֿאָרט האָט דער ר׳... עפּעס געטאָן, וואָס אַלע חסידישע רביים טוען. ער האָט געלײַגט און ליגן געזאָגט אויף אַן אַנדער מאָדע. ניט קיין מופֿתים האָט ער פֿירגעזאָגט — ער, ר׳.... האָט מעשׂיות דערציילט. מעשׂיות פֿון ר׳.... זײַן זיידן, האָט ער דאָך געהאַט זעק און טאָרבעס פֿול צו דערציילן. אַזעלכע משונהנע מעשׂיות, וואָס שטייען גאָר נישט אינעם ספֿר... (שבֿחי הבעש״ט) (וואָס אַ ליניצער שוחט, ר׳ בער, האָט צונויפֿגעזאַמלט פֿון אַלע ליגנערס פֿון זײַן דור אויפֿן... [בעל שם־טובֿ] און פֿונעם...׳ וועגן צו זאָגן און האָט עס געדרוקט, אײדער ר׳... האָט אָנגעהויבן צו מעשׂהנען. די גרעסטע ליגנס האָט דער ר׳.... דערציילט מיט ערנסטע פֿרומע העוויות, גלײַך ווי ס׳איז אמת און ס׳וואָלט זיך געטראָפֿן, בײַם...

די מעשׂיות, עטלעכע און צוואַנציק, האָט ער אומעטום נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אַלץ דערציילט. בשעת די טשאָטע[31] חסידים קומען זיך צונויף צו הערן די מעשׂיות דענסטמאָל איז די צײַט, וואָס די יונגע באַלעבעסלעך ווערבעווען זיך אַליין צו ווערן חסידים. כאָטש די עלטערע חסידים קענען שוין די מעשׂיות פֿון צען מאָל הערן, טאַקע פֿון דעם ר׳ ...ג. איז דאָס בײַ די יונגע צוציקעס גאָר אַ נײַע זאַך. מאַכן זיי משונהנע העוויות (יאָ פֿאַרשטאַנען, ניט פֿאַרשטאַנען, געשיקט זיך עס אַזעלכעס צו גלייבן אָדער געשיקט זיך ניט — ר׳... אַליין, דעם... [בעל־שמס] אייניקל, האָט עס דערציילט, איז עס אמת, און דער, וואָס זאָל, חס־ושלום, ניט וועלן אַלץ אָננעמען פֿאַר מזומן, דער איז אַן אַפּיקורס).

די טשאָטע חסידים און די יונגע באַלעבעסלעך גיבן אָבער גאָר ניט קיין געלט, אָדער ווען זיי געבן יאָ אַ קליינע מטבע, קלעקט דאָך דאָס ניט ר׳ ...ג. טראָגט ער אָפּ די מעשׂיות אַהיים צו די נגידים, דאָרטן די סחורה אָפּצולייגן, מען זאָל אים גרויסע מטבעות געבן. אַ טייל גיבן געלט, אַבי אים פּטור צו ווערן, ניט צו הערן די חלשות מעשׂיות. אַ טייל ווערן פֿאַרשוואַרצט און מוזן אויסהערן, דערנאָך געבן געלט ר׳...ג.

אין קאַמענעץ איז דער ר׳... געזעסן בײַ איינעם אַן עושר, ר׳ משה בלאַנק, שפּעט בײַ נאַכט מיט זײַנע מעשׂיות דערציילן. דער ר׳ משה בלאַנק האָט אים שוין געגעבן אַ פּאָר קערבלעך. ר׳... דערציילט אָבער ווײַטער און ווײַטער. ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט. אַלע האָבן געוואָלט זיך לייגן שלאָפֿן. ער וויל אָבער גאָר ניט אויפֿהערן. האָט איינער אַ קלוגער אַ זאָג געטאָן:

— און מכּות דער מעשׂה האָט איר, ר׳.... ניט געהערט, אַ פּנים?

— וואָס, וואָס, וואָס פֿאַר אַ מעשׂה? — פֿרעגט דער ר׳... ער האָט געמיינט, אַט וועט ער דאָ האָבן אַ פֿרישן ליגן, עפּעס אַ פֿרישע מעשׂה פֿונעם... [בעל־שם]. דאָס קאָן אים טויגן אין זײַן קראָם אַרײַן:

## VI

Not far from Nosuchville, just a few miles from town, Dovid Smik had leased a large village named Nimyevke, which belonged to the nobleman of Nosuchville.

Dovid Smik had an only daughter, and she was married. His son-in-law, a good boy named Zainvil, was the grandson of the Preacher of Ostro, and he cost Dovid Smik a pretty penny; all he did was study the holy books all the livelong day. Dovid Smik also had an only son named Naphtali, a pock-marked boy of about fifteen, who was a fool and an utter ignoramus in religious matters, he didn't even know how to pray.

Dovid Smik employed tutors and even a belfer, but Naphtali had no desire to study the holy books. Perhaps if he had been beaten and forced, he might have put his nose to the grindstone. But Dovid Smik's wife Braine-Dobrish was pretty much the manager of the estate. People said that Dovid Smik's fortune of one hundred thousand rubles was all her doing. If it weren't for her, he wouldn't have dealt in oxen and he couldn't even have tied his own shoelaces—she had lifted him up by his bootstraps. And when it came to their son, the mother wouldn't let him do a lick of work. He was the apple of her eye, her darling only son.

As Naphtali grew older and loafed around with all the crippled kids (the healthy farm children work for the Polish landowner, only the cripples are idle), he had a good situation with the military whenever a company of soldiers came to the village. He accompanied them early in the morning when they went to drill outside the village, he watched as each soldier in turn was taught to pronounce the names of the Tsar and the Tsarina and all their children and the commander-in-chief, so that they learned them by heart. And they were also taught how to clean their rifles and polish the buttons on their uniforms. Naphtali was everywhere.

He was wild about the drummers. He would bring bottles of vodka from home and swap them for the privilege of beating the drums with the drumsticks. The officers and all the troops knew him by name, and he did all kinds of services for them.

Zainvil, Dovid Smik's son-in-law, saw that Naphtali wasn't even around on the Sabbath for prayers or for meals. Where was he? With the soldiers. When he came home later, his mother gave him food, and then he promptly ran back to see the soldiers getting haircuts.

Before afternoon prayers on the Sabbath, Zainvil made a point of walking through the village, and he spotted Naphtali strolling along with two peasant girls and an officer's orderly, very busy for the company captain; Naphtali didn't look sober and appeared to be saying wicked things to the girls. He was so absorbed and his head was so full of vodka, that he didn't see his brother-in-law. Furthermore, Zainvil sighted a flask of vodka sticking out of Naphtali's pocket, and a Jew is not allowed to carry anything on the Sabbath inside a village.

That night, Zainvil asked his father-in-law Dovid Smik, his mother-in-law Braine-Dobrish, and his wife Beyltse to come to his room, where he was sitting and studying. Zainvil then told the three of them what he had seen Naphtali doing that Sabbath, and he spoke so eloquently and so tearfully that his wife and even his mother-in-law began weeping. Dovid Smik, his father-in-law, argued that it was all his wife's fault.

Zainvil was smart and scholarly enough to realize that accusations like "It's your fault, it's all your fault!" were no remedy for the plague; Braine-Dobrish could beat her head with both fists as much as she liked, it would not change Naphtali one iota. The next thing they knew, his wife Beyltse, who was expecting, fainted dead away, and they had an awful time bringing her to.

## 6

ניט ווײַט פֿון לויהאַיאַפּאָלי, אַ מײַל פֿון דער שטאָט, האָט געהאַלטן דוד סמיק אַן אַרענדע פֿון אַ גרויס דאָרף נימיעווקע, וואָס האָט געקערט צום לויהאַיאַפּאָליער שׂר.

דער דוד סמיק האָט געהאַט אַן איין־איינציקע טאָכטער, אַן אויסגעגעבענע, וואָס דער אײדעם, אַ גוט קינד, זײַנוועלע, דעם אָסטרער מגידס אַן איניקל, האָט אים געקאָסט זייער פֿיל געלט, איז געזעסן און האָט געלערנט, און איין־איינציק ייִנגל נפֿתּלקע, אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן, זייער אַ מיאוסער, אַ געשטופּלטער בחור, אַ נאַר און אַ גרויסער עם־הארץ. אַפֿילו דאַוונען האָט ער ניט געקענט.

מלמדים פֿלעגט מען צו האַלטן און אַ בעלפֿער אוודאי, נאָר נפֿתּלקע האָט ניט געוואָלט לערנען. אפֿשר, מען זאָל אים געווען שלאָגן און נייטן, וואָלט נפֿתּלקע געמוזט לערנען. איז אָבער דוד סמיקס ווײַב, ברײַנע־דאָבריש, געווען די גרויסע בריה צו דער אַרענדע (אַז מען האָט געזאָגט, נאָר דורך איר האָט דוד סמיק די צען טויזנט רענדלעך זײַן אייגנס. ווען ניט זי, וואָלט ער ניט געהאַנדלט מיט אָקסן און וואָלט אַפֿילו ניט געטויגט אַ קאַץ אַן עק צו פֿאַרבינדן. נאָר זי, נאָר ברײַנע־דאָבריש). זי, די מוטער, האָט ניט געלאָזט אַ ריר טאָן נפֿתּלקען. ער איז בײַ דער מאַמען דאָס אויג אין קאָפּ, אַ בן־יחיד.

אַז אַזאַ נפֿתּלקע איז עלטער און עלטער געוואָרן, און איז גאַנצע טעג ליידיק אַרומגעגאַנגען מיט אַלע קאַליקעס דאָרף־שקצים (ווײַל די געזונטע פּויערישע קינדער אַרבעטן אויפֿן פּריץ, נאָר סײַדן אַ קאַליקע גייט ליידיק), איז בײַ אים געווען אַ ווילער משא־ומתּן, אַז אַ ראָטע סאָלדאָטן זײַנען אָנגעקומען אין דאָרף אַרײַן. ער איז מיט די סאָלדאָטן גאַנץ פֿרי אַרויסגעגאַנגען צום מושטיר הינטערן דאָרף און איז געגאַנגען זען, ווי מען לערנט באַזונדער איטלעכן סאָלדאַט דעם נאָמען פֿונעם קייסער זאָגן און דער קייסערינעס, מיט אַלע דעם קייסערס קינדערס נעמען, און דעם הויפּט־גענעראַלס נאָמען אויסנווייניק צו קענען נאָכזאָגן, ווי מען פּוצט די ביקסן, די קנעפּלעך פֿונעם מונדיר. אומעטום איז נפֿתּלקע געווען.

די פּויקערס זײַנען אים געווען גאָר אַ ווילע זאַך. ער האָט געבראַכט פֿלעשלעך בראָנפֿן פֿון דער היים, מען זאָל אים לאָזן קלאַפּן אויף דער פּויק אַ ביסל מיט' די שטעקלעך. די אָפֿיצירן און אַלע סאָלדאָטן האָבן געקענט נפֿתּלקען בײַם נאָמען, און ער האָט זיי אַלע שאריתן געטאָן.

זײַנוועלע דער אײדעם האָט געזען, אַז שבת אַפֿילו איז נפֿתּלקע ניטאָ צום דאַוונען, ניט צום עסן. ווו איז ער? בײַ די סאָלדאָטן. שפּעטער איז ער געקומען, האָט אים די מוטער געגעבן צו עסן, און ער איז באַלד צוריקגעלאָפֿן זען, ווי מען שערט די קעפּ בײַ די סאָלדאָטן.

אומישנע איז ר׳ זײַנוועלע געגאַנגען שבת פֿאַר מנחה איבערן דאָרף און האָט געזען נפֿתּלקען גיין מיט צוויי שיקסעס און מיט אַן אָפֿיצירס קנעכט, זייער טרוד צום קאַפּיטאַן פֿון דער ראָטע, און, ווי עס האָט אַ פּנים געהאַט, איז נפֿתּלקע ניט ניכטערן געווען און האָט גערעדט מיאוסע ווערטער מיט די שיקסעס. נפֿתּלקע האָט מחמת טרדות[38] און מחמת בראָנפֿן אין קאָפּ דעם שוואָגער זײַנוועלע נישט געזען. אחוץ דעם האָט זײַנוועלע געזען בײַ נפֿתּלקען אַרויסשטעקן אַ פֿלעשל בראָנפֿן פֿון דער קעשענע, [און] אין אַ דאָרף טאָר מען שבת ניט טראָגן.

זײַנוועלע האָט שבת־צו־נאַכטס אַרײַנגערופֿן דעם שווער, ר׳ דוד סמיק, מיט דער שוויגער ברײַנע־דאָבריש און זײַן ווײַב ביילצען, צו זיך אינעם שטיבל, ווו ער איז געזעסן און געלערנט. דאָ האָט זײַנוועלע אַלע דרײַ דערציילט, וואָס ער האָט דעם שבת געזען פֿון נפֿתּלקען און האָט מיט אַזאַ לשון און מיט אַזאַ וויינענדיק קול גערעדט, אַז זײַן ווײַב ביילצע און אַפֿילו די שוויגער ברײַנע־דאָבריש האָבן אָנגעהויבן צו וויינען. דוד סמיק, דער שווער, האָט געטענהט, אַז נאָר דאָס ווײַב, נאָר די מוטער איז שולדיק.

זײַנוועלע, דער קלוגער למדן, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿון דעם „דו ביסט שולדיק, נאָר דו ביסט שולדיק" וועט קיין רפֿואה צו דער מכּה ניט זײַן, און פֿון דעם, וואָס ברײַנע־דאָבריש שלאָגט זיך מיט בײדע קולעקעס אין קאָפּ אַרײַן, וועט נפֿתּלקע ניט ווערן קיין אַנדער מענטש. דערצו האָט, נעבעך, זײַן ווײַב ביילצע, אַ מעוברת ווײַבל, אָנגעהויבן צו חלשן, און מען האָט זי קוים־קוים דערמינטערט.

"Have a good time and enjoy yourselves. On Sunday, God willing, when you and the happy couple come out to visit us in Nimyevke, we'll have a real celebration. Be well."

"Be well, Zainvil."

He gave the bride a gold ducat as a going-away present and spoke some cheerful words:

"You won't have to worry about anything, thank the Lord. As the wife of the only son, and with all that wealth, you'll be well off."

Aaron the Beadle and his wife and Sheyntse overwhelmed him with their fondest wishes for his wife's safe delivery.

"God be with you both!"

"Godspeed!"

— פֿרייט אײַך דאָ געזונטערהייט. זונטיק, אימירצעשעם, אַז איר וועט אַלע אַרויסקומען מיטן פּאַרפֿאָלק צו אונדז, וועלן מיר גרשט אײַך אין נימיעווקע מאַכן אַ חתונה. זײַט געזונט.

— זײַט זשע מיר טאַקע געזונט.

דער כּלה האָט ער איבערגעלאָזט אַ רויט רענדל אַ נידיזנע[56], און האָט איר מיט גוטע ווערטער געזאָגט:

— דו ווייסט, ברוך השם, ניט האָבן וואָס צו זאָרגן. אַ בן־יחידס אַ ווײַב, בײַ אַזאַ גרויס עשירות, וועט דיר אוודאי גוט זײַן.

אהרן שמש און דאָס ווײַב און שיינצע האָבן ניט געקאָנט גענוג אים אָנווינטשעווען, זײַן ווײַב זאָל גרינג איבערקומען.

— געזונטערהייט!

— פֿאָרט געזונט!

[38] פֿאַרנומענקייט.

[39] הויזהיטער.

[40] (פֿאַרדרייט, לצניש) פעלדפעבל, אונטער־אָפיציר. — [41] שעה.

[42] זאָגסט ליגן. — [43] זײַדענע קאַפּאָטע.

[44] לעדערנע. — [45] בליוזקעס. — [46] טראָגעדיק. — [47] חתונה. — [48] פּראָ־טעסטירס.

[49] אַכסניה.

[50] פּשט. — [51] אַזאַ וואָס מ׳וועט ערבירט, מ׳נעמט פֿאַר אַ זעלנער.

[52] קופּע. — [53] פּוטערנע.

[54] פֿאַבריצירטע זעקלעך, האָרנעץ פֿאַר ווײַבער, שלייפֿלעך פֿאַר קאָפּ־באַ־פּוצונג. — [55] די וואָס האָדעווען. — [56] לעצטגעלט (פֿאַרן אַוועקפֿאָרן).

For three weeks, the captain saw Naphtali in his home and with the drummers every day, he was learning how to play the drum. It was only in the fourth week, on Tuesday, that the captain began asking: "Where's Naphtali keeping himself? Why don't we see him? Where is our Naphtali?"

He found out that Naphtali was getting married in Nosuchville. So he drove off to get the police chief, who was going through the villages, grabbing smugglers or taking care of other business. The captain finally caught up with him on Friday evening, he gave him the documents and described the entire matter to him. Two knotty problems at once: baptism and military service. A police chief can only make short shrift of them. He took off for Nosuchville on the spot, arriving before Zainvil could do anything. One hour earlier, they might have gotten Naphtali across the border. But Zainvil had learned about the matter only that evening in the village. He drove his horses as fast as he could. But alas, the police chief got to Naphtali first.

Sheyntse was both a maiden and a married woman! Whose wife? A drummer's. They refused to give her the dowry. But what about the big, beautiful, expensive headband, which she wore throughout the Sabbath? Did that belong to her now? Well, keep reading.

God punisheth with one hand, and He blesseth with the other. All the running around and heavy bribing didn't help. Naphtali was baptized and he became a soldier, a *drummer*. The only effect of the money was to have Naphtali assigned to a different regiment. There was one stationed forty miles away. And that's where Naphtali was sent.

Beyltse had a safe delivery, thank heaven. It was a boy, and he was named after the Preacher of Ostro.

But there's an old saying: It's the child that gets married, not the parents. Out of sight, out of mind. In Nimyevke, they forgot all about Naphtali.

Sheyntse, however, *had* gotten married—to the drummer, to Naphtali the convert. She threw herself on her bed and wept bitterly: She—she had to get divorced from the drummer.

Aaron the Beadle procured letters from the community elders to all the elders of the towns where they said the regiment was billeted, and where Naphtali the convert was serving as drummer. Sheyntse gave her few rubles to her father for expenses; he was to go off and obtain the divorce after Purim.

Poor Aaron the Beadle, alas (people love saying "alas!"), had to drive through the post-Purim slush and mire until he found Naphtali, whose name was Ritsko now. He was stationed near a little town called Mishelovke.

Kind-hearted Jews in Mishelovke offered to help Aaron. As soon as they gave the priest of Mishelovke a gold ducat, he said: "Yes, he has to divorce his accursed Jewish wife."

When the division officers asked Ritsko the Drummer what had happened, he told them about the big headband and the hundred gold rubles that he had given Sheyntse. The officers instructed him to say: "Yes, I'll grant her a divorce, but she has to return the headband and the hundred rubles."

דרײַ וואָכן האָט דער קאַפּיטאַן אַלע טאָג געזען נפֿתּלקען בײַ זיך און בײַ די פּויקערס, ווו ער לערנט זיך פּויקן. ערשט אויף דער פֿערטער וואָך, אַרום דינסטיק, האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעהויבן צו פֿרעגן:

פֿאַר וואָס זעט מען נפֿתּלקען נישט? ווו איז נפֿתּלקע? ווו איז אונדזער נפֿתּלקע?

איז ער געוווּיר געוואָרן, אַז נפֿתּלקע האָט גאָר חתונה אין לויהאָיאָפּאַלי. דעריבער האָט ער געמוזט פֿאָרן אָפּזוכן דעם קאַפּיטאַן־ספּראַוווניק, ווו ער איז אַרומגעפֿאָרן אין די דערפֿער פּעקלעך כאַפּן אָדער אַנדערע עסקים. ביז דער קאַפּיטאַן האָט אים ערשט פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט געפֿונען און האָט אים אײַנגעגעבן אויף פּאַפּיר און באַשריבן די גאַנצע זאַך. אַזעלכע צוויי האַרבע זאַכן אין אײנעם: אי שמדן, אי קרוינדינסט, „וואָיענע סלוזשבע"[63] — דאָ קאָן אַ קאַפּיטאַן־ספּראַוווניק ניט מאַכן קיין מלאכות. ער איז גלײַך געפֿאָרן קיין לויהאָיאָפּאַלי און האָט גוט פֿאַרכאַפּט, אײדער זײַנוועלע האָט געקאָנט אָנקומען מיט אַן עצה. אפֿשר מיט אַ שעה שפּעטער וואָלט מען געווען געקאָנט אַנטלויפֿן מיט נפֿתּלקען איבער דער גרענעץ צו. זײַנוועלע איז אָבער פֿאַר נאַכט ערשט געוווּיר געוואָרן אין דאָרף פֿון דער גאַנצער מעשׂה. ווי ווײַט ער האָט געקאָנט, איז ער געלאָפֿן מיט די פֿערד. ס'איז אָזוי דאָס אומגליק געווען, דער ספּראַוווניק זאָל פֿאַרכאַפּן נפֿתּלקען.

שיינצע איז אַ מײדל — אַן אשת־איש. וועמענס ווײַב? אַ פּויקערס. דאָס נדן־געלט וועט מען איר ניט אַרויסגעבן. נאָר דאָס גרויסע, ווױלע, טײַערע שטערן־טיכל, וואָס זי איז אַ גאַנצן שבת געגאַנגען הויך געשלייערט, איז אירס, דאַכט זיך? אַגו, לייענט ווײַטער.

גאָט שטראָפֿט מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדערער בענטשט ער. טאַקע האָבן אַלע לויפֿערײַען מיט שיטן געלט ניט געהאָלפֿן. נפֿתּלקע איז געוואָרן געשמדט און איז געוואָרן אַ סאָלדאַט אַ פּויקער. געלט געבן האָט כאָטשע דאָס געפּועלט, אַז ניט דאָ, אין דעם פּאָלק, האָט מען נפֿתּלקען אַרײַנגעגעבן, נאָר אין אַן אַנדערן פּאָלק. מיט צען מײַל ווײַטער איז געשטאַנען אַן אַנדער פּאָלק. אַהין האָט מען אים געשיקט.

ביילצע איז, ברוך השם, גרינג איבערגעקומען. זי איז געלעגן געוואָרן מיט אַ ייִנגל, וואָס הייסט נאָך דעם אָסטרער מגיד.

נאָר ווי זאָגט מען עפּעס: אַפֿילו טאַטע־מאַמע האָבן מיט אַ קינד קיין חופּה־קידושין ניט גענומען. פֿון די אויגן — פֿונעם האַרצן. אין נימיעווקע פֿאַרגעסט מען נפֿתּלקען.

שיינצע האָט אָבער דאָך יאָ חופּה־קידושין גענומען מיט דעם פּויקער, מיט דעם געשמדטן נפֿתּלקען. ליגט זי אויפֿן פּנים און וויינט ביטער: זי — זי מוז נעמען גט בײַ דעם פּויקער...

אהרן שמש האָט מיטגענומען פֿון קהל בריוולעך צו אַלע קאָהאָלנעס פֿון די שטעט, ווו מען זאָגט, דאָרטן שטייט דער פּאָלק, ווו דער געשמדטער נפֿתּלקע איז אַ פּויקער. די עטלעכע רענדלעך, וואָס שיינצע האָט, גיט זי דעם פֿאָטער אויף הוצאות, נאָך פּורים זאָל ער פֿאָרן צו ברענגען אַ גט.

אהרן שמש, אַ רחמנות, נעבעך — „נעבעך" האָט מען זייער ליב צו זאָגן — מוז אין די גרויסע סליאָטעס, בלאָטעס נאָך פּורים פֿאָרן, ביז ער האָט אָפּגעזוכט דעם געוועזענעם נפֿתּלקען — דעם וואָס הייסט הײַנט ריצקאָ. אין אַ שטעטל מישעלאָווקע שטייט ער מיט אַ ראָטע.

ייִדן בני־רחמנים האָבן זיך אין מישעלאָווקע אָנגענומען פֿאַר דעם אהרן שמש. בפֿרט, אַז מען האָט דעם מישעלאָווקער גלח געשענקט אַ רויט רענדל, האָט ער געזאָגט: „יאָ, ער מוז דאָס פּריקלענטע ייִדישע ווײַב גטן".

די אָפֿיצירן פֿון דער ראָטע האָבן אויסגעפֿרעגט ריצקאָ פּויקער, ווי אָזוי די מעשׂה איז געווען, האָט ער זיי אויסגעזאָגט פֿון דעם גרויסן שטערן־טיכל און פֿון די צען רויטע רענדלעך, וואָס ער האָט שיינצען געגעבן. האָבן אים די אָפֿיצירן געלערנט, ער זאָל זאָגן: „יאָ, איך גיב אַ גט, נאָר זי זאָל מיר אָפּגעבן דאָס שטערן־טיכל און די צען רויטע רענדלעך".

Aaron the Beadle drove back fifty miles and got the headband and the hundred rubles. Aaron was a simple man, and he had an idea: "Maybe I'll take along a smaller headband." How much can a swinish head like his grasp? He won't be able to tell the difference—so long as it's a headband." But he was afraid the convert might have made some mark in his mother's headband, and he'd be so angry he wouldn't agree to the divorce no matter what. So Aaron the Beadle decided to take the real headband, as it was. If he could manage to give Naphtali a smaller one, he could find it in that little town, in Mishelovke, couldn't he?

Aaron was right! Naphtali knew his mother's headband very well, and when Aaron tried to palm off a different one, Naphtali spewed the filthiest military curse and said he had made a mark in his mother's headband.

So Aaron had to bring the big headband to the Jewish religious judge in Mishelovke (there is no real rabbi in any Russian-Polish town in these times; ever since the Hassidic rebbes have become all the rage, one such rebbe controls several towns). The division captain likewise came to the Jewish judge. The headband, said Naphtali, had a mark:

"At Rosh Hashanah, in town, I stole three pearls before my mother put it on to wear in synagogue."

Aaron did give him the hundred rubles, almost as a ransom, to pay for the divorce, which Naphtali, or Ritsko the Drummer, then sent to Sheyntse by messenger.

Aaron the Beadle came home three days before Passover, embittered and worn out from traveling, and Sarah wept when she saw him.

The messenger gave Sheyntse the bill of divorcement right away, in front of the Jewish judge of Nosuchville, and the town had something to gossip about all through Passover.

אהרן שמש איז צוריקגעפֿאָרן צוועלף מײַל און ברענגט דאָס שטערן־טיכל מיט צען רענדלעך. אַ פּראָסטע ייִדל אָפּילו, אהרן שמש, איז ער געפֿאַלן אויפֿן שכל: „אפֿשר וועל איך מיטנעמען אַ קליין שטערן־טיכעלע? אַזאַ פֿאַרחזירטער קאָפּ וועט פֿיל וויסן? אַבי אַ שטערן־טיכל". האָט ער אָבער מורא געהאַט, טאָמער האָט דער משומד יאָ אַ סימן אין זײַן מאַמעס שטערן־טיכל, וועט מען אים גאָר צערייצן, ער זאָל שוין ניט וועלן געבן קיין גט בשום אופֿן ניט. איז געבליבן, ער, אהרן שמש, זאָל מיטנעמען דאָס גאַנצע שטערן־טיכל, ווי עס איז. ממה־נפֿשך: אויב עס וועט קאָנען גיין אַ קליינס אים צו געבן, קאָן ער דאָך אין מישעלאָווקע, אינעם שטעטל, אַ קליין שטערן־טיכל באַקומען. האָ?

געטראָפֿן! נפֿתלקע האָט זייער גוט געקענט דער מוטערס שטערן־טיכל, און אַז מען האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אונטערצורוקן אַן אַנדער שטערן־טיכל, האָט ער געשאָלטן מיט דער פּאַסקודנער סאָלדאַטסקער קללה און האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ סימן אין זײַן מאַמעס בריליאַנט־דאָברישעס שטערן־טיכל.

האָט מען דאָס גרויסע שטערן־טיכל געמוזט ברענגען צום מישעלאָווקער דיין, — קיין רבֿ איז ניטאָ די צײַטן אין קיין שום שטאָט אין רוסיש־פּוילן; זינט חסידישע רביים זײַנען געוואָרן אַ מאָדע, האָט איין רבי אַזעלכער עטלעכע שטעט אונטער זיך — און דער קאַפּיטאַן פֿון דער ראָטע איז אויך געווען בײַם דיין. דאָס שטערן־טיכל, ווייסט נפֿתלקע, האָט אַ סימן:

— איך האָב ראש־השנה, אין שטאָט, דרײַ פּערל אַרויסגעגנבֿעט, איידער די מאַמע האָט עס אָנגעטאָן צו גיין אין שול אַרײַן.

די צען רענדלעך האָט מען אים יאָ איבערגעביטן, געגעבן קאָלים[64], איז געווען אויף הוצאות הגט, וואָס נפֿתלקע, ריצקאָ־פּויקער, האָט דורך אַ שליח געגעבן שיינצען.

אהרן שמש איז אַהיים געקומען דרײַ טאָג פֿאַר פּסח, פֿאַרביטערט, אָפּגעהאָרעוועט פֿונעם וועג, און שׂרה האָט געוויינט אויף אים קוקנדיק.

שיינצען האָט דער שליח איבערגעגעבן בײַם דיין אין לוי־האַיאָפּאָלי תּיכּף דעם גט, און די שטאָט האָט געהאַט אַ גאַנצן פּסח פֿון עפּעס צו שמועסן.

[57] בעהרגעס צו חערן. — [58] אַ פּאָליציי־שעף אין צאַרישן רעזשים.
[59] אַן אָנפֿירער פֿון צען מענטשן.
[60] שטאָט.
[61] פּײַקלער. — [62] געהערט, באַלאַנגט.
[63] מיליטער־דינסט.
[64] קליינגעלט.

## IX

Nosuchville is a town where anything can happen. As of the Ninth of Ab (which commemorates the destruction of the first and second temples), every nook and cranny of town is filled with tumult and turmoil—from Markel's saloon. Markel pours liquor like there was no tomorrow. You can drink good, strong mead in Markel's place, you can drink good distilled vodka in Markel's place, you can drink March ale in Markel's place. Jews and peasants, even landowners, come to imbibe in Markel's saloon. There was talk that Markel was planning to open a wine garden on the Jewish holidays. For Sukkoth, the Feast of Tabernacles, he wanted to turn one of the traditional wooden tabernacles into a large house, as a wine garden for the landowners.

Suddenly, a rumor went through town: a poltergeist had moved into Markel's cellar. His customers began staying away. Who wants to have a run-in with a poltergeist, a demon, an unclean thing? Jews and Christians told all kinds of stories about Markel's cellar: you could hear rattling chains and sudden guffaws and an uproar that made your hair stand on end.

Some people said that a servant of Markel's had been injured. While going to tap mead, he had been so frightened that his mouth had gone askew, and they had taken him to a healer. Some people said Markel himself had tried to take on the poltergeist and had gone down to the cellar for beer. But the poltergeist had thrown buckets at his head, almost killing him, and Markel barely clambered out alive. People added that he had twisted a finger, and had been unable to move one leg since that time.

"The thing is so foul," said the women, "that you can smell the horrible stench ten houses away. Just the other day, the miller's wife had to throw out her entire Sabbath stew because it stank of devil's dung."

"The same thing happened in Bosivke once, they had to vacate the house, and it was left abandoned. A wonderful place, with everything—they had to get rid of it. You only live once, y' know."

Shmerel Tevyes, an ardent Hassid, accompanied by two young men, also Hassids, went to visit old Markel the Innkeeper. The poor man was a bundle of misery.

"Good evening, Markel. Why are you sitting there so gloomy. Don't you know that if you're gloomy, that's worse than the thing itself. Act cheerful, just act cheerful, and the thing won't have any power. Act cheerful, Markel. We Hassids have come to wish you good evening. Well, cat got your tongue?"

"It's the other way around with me," sighed Markel the Innkeeper. "During the day, there's nothing here. Absolutely nothing. It's deathly still, just as God commanded. But when night comes, there's banging, rattling, laughing, things get thrown around, and you take your life in your hands even if you keep your distance."

"Do you know why we've come to you, Markel?" said Shmerel in chorus with the two young Hassids. "You're a good Jew, but you hang out too much with the old Cossacks and the ruffians. You have no faith in the sages, you don't believe in the miracles of the rebbes. That's why the devil has power over you and your house."

Markel always hit the roof when people said anything against his place, and he angrily retorted:

"You're a Hassid, and something much, much worse happened in your place: A convert got married—to a Jewish girl. Well, c'mon? Was that your fault?"

"You lunatic! Do you think we came to fight with you? Honestly!" Shmerel and the two young Hassids laughed. "Just look at him, the old Rationalist! We're gonna do you a favor. We're gonna give you some advice. If you pay the rebbe, you can get rid of that trouble in your cellar, honestly."

## 9

לויהאַיאַפּאַלי איז אַ שטאָט, ווו ס'טרעפט זיך אַלץ. אַ טרעוואָגע און אַ גערודערײַ איז פֿון נאָך תּשעה־באָבֿ אָן אין אַלע עקן און אין אַלע ווינקעלעך אין שטאָט — פֿון מאַרקלען דעם שענקער. מאַרקלס שטוב איז אַ שענקשטוב, אַ שפּע־שטוב. דער גוטער האָרבער מעד איז בײַ מאַרקלען, דער גוטער אַליעמביקאָווער בראָנפֿן איז בײַ מאַרקלען, מאַרצאָווע ביר איז בײַ מאַרקלען. ייִדן און פּאָווערן, אַפֿילו פּריצים פֿלעגן בײַ מאַרקלען אַרײַנגיין טרינקען. ווי דער עולם האָט געשמועסט, האָט מאַרקל בדעה נאָך ימים־טובֿים אַ ווײַנשענק אויך צו מאַכן. ער וויל גאָר פֿון אַ סוכּה אַ געבויטער מאַכן נאָך סוכּות אַ גרויסע שטוב, פֿון פּריצימס וועגן, אויף אַ ווײַנשענק.

פּלוצעם ווערט אַ געשמועס אין שטאָט: בײַ מאַרקלען אין קעלער האָט זיך זאַניאַדעט[26] אַ לץ. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו מײַדן מאַרקלס שענק. ווער וויל זיך פֿאַרטשעפּען מיט אַ לץ, מיט אַ רוח, מיט אַן אומרייִנער זאַך? ייִדן און ניט־ייִדן דערציילן זיך גאַנצע מעשׂיות פֿון מאַרקלס קעלער: עס קלינגט דאָרטן מיט קייטן, און פּלוצעם הערט מען אַ געלעכטער מיט אַ ליאַרעם, אַז די האָר גייען קאַפּויער.

אַ טייל דערציילן, אַז אַ משרת בײַ מאַרקלען איז געניזוקט געוואָרן: ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, בשעת ער איז געגאַנגען מעד צאַפּן, אַז דאָס מויל האָט זיך בײַ אים פֿאַרקרימט. האָט מען אים אָוועקגעפֿירט צום טאָטער. אַ טייל דערציילן: בפֿירוש האָט מאַרקל אַליין געוואָלט אַ בריה זײַן, אַראָפּגיין צאַפּן מעד אָדער ביר. האָט עס אַ וואָרף געטאָן מיט שעפֿלעך אים אויפֿן קאָפּ, איז ער שיִער נהרג געוואָרן און איז קוים לעבעדיק אַרויפֿגעקומען פֿונעם קעלער. דאָ האָט מען נאָך צוגעזאָגט: אַ פֿינגער האָט עס אים פֿאַר־דרייט, און מיט איין פֿוס קאָן ער ניט רירן פֿון דענסטמאָל אָן.

— ס'איז אַזאַ אומרייִנע זאַך — זאָגן די ווײַבער — אַז אויף דער צענטער שטוב הערט מען דעם שלעכטן ריח. אַנומלט האָט די מעלניטשקע געמוזט דעם גאַנצן טשאָלנט אַרויסוואַרפֿן, ווײַל ער האָט געשטונקען נאָך טײַוולס קויט.

— עס האָט זיך שוין אַמאָל געטראָפֿן אין באָסיווקע, האָט מען געמוזט אָפּטרעטן די שטוב, און ס'איז געוואָרן אַ פּוסטע שטוב. אַ שײַנענדיקע דירה מיט אַלעם האָט מען געמוזט אָוועקוואַרפֿן. אַז דאָס לעבן איז ליב, ווער וויל זײַן לעבן אײַנשטעלן?

שמערל טבֿיהס, אַ הייסער חסיד, מיט נאָך צוויי יונגעלײַט חסידים זײַנען אַריבערגעגאַנגען צום אַלטן מאַרקל שענקער, ווו ער זיצט, נעבעך, פֿאַרזאָרגט.

— אַ גוטן־אָוונט, ר' מאַרקל! וואָס זיצט איר עס אַזוי אין עצבֿות? איר ווייסט אפֿשר נישט, אַז עצבֿות איז נאָך ערגער צו דער שמועה? נאָר פֿריילעך, נאָר פֿריילעך, קאָן די שמועה קיין שליטה ניט האָבן. פֿריילעך, ר' מאַרקל! אַ גוטן אָוונט, זאָגן מיר, חסידים, אײַך. נו, וואָס שווײַגט איר?

— בײַ מיר איז גראָד פֿאַרקערט! — זיפֿצט מאַרקל דער שענ־קער — בײַ טאָג איז נישט, גאָר נישט. דיר נישט — מיר נישט, שטיל, שיין, ווי גאָט האָט געבאָטן. נאָר אַז עס ווערט נאַכט, טוט זיך אַ קלאַפּערײַ, אַ געקלינגערײַ, אַ לאַכן מיט אַ געוואָרפֿערײַ, אַז ס'איז אַ סכּנה אַפֿילו פֿון ווײַטנס צו שטיין.

— ווייסט איר, וואָס מיר זײַנען צו אײַך געקומען, ר' מאַרקל? — זאָגט שמערל מיט די אַנדערע צוויי חסידים אין איינעם אויף אַ מאָל — איר זײַט דאָך אַן ערלעכער ייִד אַפֿילו, נאָר אַ ייִד פֿון דער אַלטער קאָזאַטשינע אָדער פֿון דער הײַדאַמאַטשינע, איר האָט ניט קיין אמונת־חכמים. איר גלייבט ניט אין גוטע־ייִדן. דעריבער האָט די סיטרא אַחרא צו אײַך און צו אײַער שטוב בפֿירוש אַ שליטה.

מאַרקל ווערט ברוגז, וואָס מען רעדט אויף זײַן שטוב, און ענטפֿערט מיט כּעס:

— אָט זײַט איר אַ חסיד, האָט זיך אין אײַער שטוב עפּעס אַנדערש, ערגערס געטראָפֿן: אַ משומד האָט בײַ אײַך חתונה גע־האַט. נו, וואָס, זײַט איר שולדיק?

— משוגענער! איר מיינט, מיר זײַנען געקומען מיט אײַך זיך קריגן, בפֿירוש? — לאַכן שמערל מיט די צוויי יונגע לײַט — קוק אים נאָר אָן, דעם אַלטן מתנגד! מיר ווילן אײַך אַ טובֿה טאָן. מיר ווילן אײַך אַן עצה געבן, ווי אַזוי איר זאָלט דורך אַ פּדיון פּטור ווערן די צרה פֿון אײַער קעלער, בפֿירוש.

Gittel Gabriels blurted out:

"Well, did you make the candle, the big white wax candle?"

Aaron called out:

"Y'know, it's been burning in the bes-medresh for two hours already. Why, that's the reason she went in the first place. . . . Sarah, go to the stove. This is no fastday, y' know."

The women left, and each wife told her husband the story she had heard from Sarah, but added a few lies as trimming. The candle was burning for now, that was already half a miracle. The other half would come tomorrow—Sheyntse would be found.

Naturally, when the men realized what the big, fat, white wax candle meant, they all ran to have a look. Well, what did they see? A burning candle. The women envied the householders, the men: they were allowed to see the white wax candle burning. Women are not permitted to enter a bes-medresh. What can they see there, after all? But still, they wanted to see it with their own eyes. Maybe that's how it is with other small things in the great world, people absolutely want to see with their own eyes.

Aaron the Beadle tended the white wax candle better than a candle for the anniversary of a death. The white candle was not to go out, God forbid. The miracle-worker had said the candle was to burn, and the burning would help them find Sheyntse. So it had to be tended.

גיטעלע ר' גבריאלס טוט אַ כאַפּ די רייד:

— נו, האָט איר געמאַכט דאָס ליכט, דאָס יאַרע, וואַקסענע, גרויסע ליכט?

אהרן שמש רופֿט זיך אָן:

— משוגה, ברענט עס שוין אין בית־מדרש פֿון צוויי שעה. סטײַטש, זי איז דאָך פֿון דעסט וועגן געפֿאָרן... שׂרה, גיי דו צום פּריפּעטשיק. דו ווייסט, משוגה, אַז הײַנט טאָר מען ניט פֿאַסטן.

די ווײַבער זײַנען אַרויסגעגאַנגען און איטלעכע האָט איר מאַן דערציילט, מיט עטלעכע ליגנס באַברעמט, די מעשׂה, וואָס שׂרה האָט זיי דערציילט. לעת־עתּה ברענט דאָס ליכט, איז שוין אַ האַלבער מופֿת. ביז מאָרגן וועט ערשט זײַן די אַנדערע העלפֿט — שיינצע זאָל זיך אָפּזוכן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מען איז געוווּיר געוואָרן, וואָס דאָס יאַרע, וואַקסענע, גראָבע, גרויסע ליכט באַטײַט, זײַנען אַלע געלאָפֿן זען, ווי דאָס ליכט ברענט. נו, וואָס זעט מען? אַ ליכט ברענט. פֿאַרט זײַנען די ווײַבער מקנא געווען די באַלעבאַטים, די מאַנסבילן: זיי קאָנען זען יאַרע, וואַקסענע, ווײַסע ליכט ברענען. ווײַבער גייען ניט אין קיין בית־מדרש אַרײַן, קאָנען זיי ניט זען. דאַכט זיך וואָס האָט מען דאָ צו זען? גלוסט זיך פֿאָרט אַליין צו זען מיט זײַנע אויגן. טוט זיך אפֿשר אין דער גרויסער וועלט בײַ אַנדערע קליינע זאַכן אויך אַזוי, דער עולם וויל דווקא מיט זײַנע אויגן זען.

אהרן שמש האָט געפּילעוועט דאָס יאַרע, וואַקסענע ליכט בעסער פֿון אַ יאָרצײַטליכט, עס זאָל חס־ושלום ניט פֿאַרלאָשן ווערן. דער בעל־מופֿת האָט אָנגעזאָגט, עס זאָל ברענען, און דורך דעם ברענען וועט זיך שיינצע אָפּזוכן, מוז מען פּילעווען.

[82] מורא געהאַט, זיך אָפּגעהאַלטן.

[83] געדויערט.

[84] אַ פינפער קאָפּיקע. — [85] וואַסערדיקע זופּ. — [86] ווײַסע וואַקס.

## XII

Nosuchville is a town. In Nosuchville, anything can happen.

That Yom Kippur, Dovid Smik and his wife Braine-Dobrish, and their only daughter Beyltse, and the baby she was nursing, and Zainvil were in town. Because of the fastday and the mob in the women's section of the synagogue (it was also a very hot day, although, as Jews say, even a fish trembles in the water during the Days of Awe; and Beyltse, who was very delicate, was nursing a child, and the holy day required weeping), Beyltse fainted dead away during the closing services. They had a terrible time bringing her to Shmerel Tevyes' inn (where the family was staying) and reviving her.

If they had called the landowner's physician, he would certainly have given her something. But they didn't call him because it often happens that a woman faints in synagogue, she generally recovers and by nightfall she's eating cold chicken (the fowl killed in the Yom Kippur ritual) and hard pears with more gusto than anyone else, and it does her no harm at all.

Beyltse, however, became sick, very sick. The next day, she was worse, dangerously ill. When they finally brought the physician the night after Yom Kippur, he said: "It looks bad." He had some medicines, but Beyltse couldn't take them because her throat was closed up. Not even a drop of water could get through. It was bad, very bad, very, very bad.

The day before the Feast of Tabernacles, Beyltse died, at noon.

What misery, what misery! How dreadful the parents felt, how dark were their lives! Their only son had converted to Christianity, and their only daughter, that fine girl, had died.

How dreadful Zainvil felt! He had loved Beyltse, and she had loved him, that is to say, they had both loved one another. Beyltse was smart, good, and pious, and she was also a very beautiful young woman. A rib had been torn out of poor Zainvil's body. It pained him even more to know how awful, how dreadful the miserable parents felt. For all their wealth, they were very, very unhappy. They had had two children: That scoundrel had converted to Christianity. A shame, a disgrace, a sorrow, but they could endure it because they had Beyltse and a new grandson, a darling boy, and they also looked upon Zainvil as their own child. Now, all at once, their only daughter had died. A dreadful tragedy for a father and mother! Their only daughter had been snatched away.

Zainvil, the good, smart, pious scholar Zainvil, understood all that in the midst of mourning his dear wife, and so, in front of all the mourners, at the side of Beyltse's body, he promised his in-laws that he would never take another wife under any circumstances and that he would never leave them, he and his child, the little boy, would stay with them forever, and they would be as their children, all their lives.

Well, of course, on the one hand, when the wound is still open to the eyes, the only daughter is lying on the ground with her feet towards the door, covered with a black cloth, it's not right to talk about never marrying again, never taking another wife. And on the other hand, how can a young man of eighteen, like Zainvil, promise never to take another wife? But for the moment, it was a somber consolation for the parents as they sat on the ground, mourning the death of their one and only daughter. Rather than becoming even more miserable in their great misery, they welcomed such words from the good boy, from the grandson of the Preacher of Ostro, they were very glad to hear that he didn't want to leave them.

לויהאיאַפּאָלי איז אַ שטאָט. אין לויהאיאַפּאָלי מוז זיך אַלץ טרעפֿן.

דעם יום־כּיפּור איז דוד סמיק און זײַן ווײַב ברײַנע־דאָבריש מיט דער איין־איינציקער טאָכטערביילצע, מיטן זויגעדיקן קינד און זײַנוועלע געווען אין שטאָט. איז פֿונעם תּענית און פֿון דער ענגעניש אין דער ווײַבערשער שול — דערצו איז הײַנט געווען זייער אַ הייסער טאָג, כאָטשע אַ פֿיש ציטערט אין וואַסער; אַ קינד האָט דאָס דעליקאַטנע ווײַבל ביילצע אויך געזויגן, וויינען מוז מען — האָט ביילצע צו נעילה געחלשט אין שול. מען האָט זי קוים פֿאַרפֿירט אַהיים, ווו זיי זײַנען אײַנגעשטאַנען, בײַ שמערל טביהס, און דערמינטערט.

וואָלט מען אפֿשר געווען גערופֿן תּיכּף דעם שׂרס דאָקטער, וואָלט ער פֿאַר געוויס עפּעס געגעבן צו טאָן דעם ווײַבל. מען האָט דעם דאָקטער ניט גערופֿן, ווײַל לרובֿ טרעפֿט זיך אַז ווײַבער חלשן אין שול, דערנאָך ווערן זיי געזונט און עסן אויף דער נאַכט די קאַלטע כּפּרות און האַרטע באַרן מיט נאָך מער הונגער וי אַנדערע און עס שאַדט זיי גאָר ניט.

ביילצע איז אָבער קראַנק געוואָרן, טאַקע זייער קראַנק געוואָרן. דעם אַנדערן טאָג נאָך ערגער, און טאַקע גאָר מסוכּן קראַנק געוואָרן. אַפֿילו אַז מען האָט דעם אַנדערן טאָג נאָך יום־כּיפּור שפּעט פֿאַר נאַכט אַראָפּגעבראַכט דעם שׂרס דאָקטער צו ביילצען, האָט דער דאָקטער געזאָגט: „ס'איז זייער שלים". ער האָט געבראַכט רפֿואות, מען האָט איר שוין ניט געקאָנט אײַנגעבן די רפֿואות, ווײַל דער האַלדז איז געווען ווי פֿאַרשלאָסן. קיין ביסל וואַסער אַפֿילו האָט ניט געקאָנט אַרײַן אין האַלדז. שלעכט און שלעכט, און גאָר שלעכט. ערבֿ סוכּות איז ביילצע געשטאָרבן, האַלבן טאָג.

אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק! ביטער און ווי איז דעם טאַטן מיט דער מאַמען, פֿאַרפֿינצטערט זײַנען זיי געוואָרן. דער בן־יחיד האָט זיך געשמדט, און די ווילע בת־יחידה איז געשטאָרבן.

ווי און ביטער איז זײַנוועלען! ער האָט ביילצען ליב געהאַט, און ביילצע האָט זײַנוועלען אויך זייער ליב געהאַט, דאָס הייסט, זיי בײדע האָבן זיך ליב געהאַט. ביילצע איז געווען זייער קלוג, גוט און פֿרום; אַ שיין יונג ווײַבל איז זי אויך געווען. איז, נעבעך, דעם זײַנוועלען אַ ריפּ פֿונעם לײַב אַרויסגעריסן געוואָרן. נאָך מער האָט עס אים זייער, זייער געשמאַרצט, אַז ער האָט געוווּסט, ווי ביטער, אומגליקלעך די פֿאַרפֿינצטערטע טאַטע און מאַמע זײַנען. בײַ דעם גרויסן עשירות זײַנען זיי גאָר זייער, זייער אומגליקלעך. צווי קינדער האָבן זיי געהאַט: יענער ימח־שמוניק איז געשמדט. אַ חרפּה, אַ בושה, אַ ווייטיק איז עס, נאָר מען האָט עס געקאָנט דערטראָגן, ווײַל מען האָט געהאַט אַ ביילצע און אַ נײַ אייניקל, אַ וווּיל יינגעלע, און זײַנוועלען האָבן זיי אויך געהאַלטן פֿאַר אַן אייגן קינד. אַצינד איז פּלוצעם די איינציקע טאָכטער אויך געשטאָרבן. אַ גרויס, זייער אַ גרויס אומגליק פֿאַר אַ פֿאָטער מיט אַ מוטער! די איינציקע טאָכטער איז אויסגעכאַפּט געוואָרן.

דאָס האָט זײַנוועלע, דער גוטער, קלוגער, פֿרומער למדן זײַנוועלע, בשעת טרויערן נאָך זײַן ליב ווײַב, פֿאַרשטאַנען; דעריבער האָט ער טאַקע דאָ, פֿאַר אַלע לײַט, פֿאַרן מת תּיכּף צוגעזאָגט דעם שווער מיט דער שוויגער, אַז ער וועט בשום אופֿן ניט נעמען קיין אַנדער ווײַב און וועט ניט אַרויס פֿון זיי. ער און זײַן קינד, דאָס יינגעלע, וועלן בלײַבן בײַ זיי און וועלן זײַן תּמיד ווי זייערע קינדער, בײַ זיי תּמיד.

כאָטשע אַז מען וויל, איז עס, פֿון איין זײַט, עפּעס ניט גאַנץ רעכט, בשעת די וווּנד ליגט נאָך פֿאַר די אויגן, די איינציקע טאָכטער ליגט נאָך אויף דער ערד מיט די פֿיס צו דער טיר, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ געוואַנט, דעמאָלט צו שמועסן פֿון ניט חתונה האָבן, פֿון ניט נעמען קיין אַנדער ווײַב; און פֿון דער אַנדערער זײַט, איז קשה, ווי קאָן אַ יונגער מאַן, ווי זײַנוועלע, פֿון אַכצן יאָר, צוזאָגן ניט צו נעמען קיין אַנדער ווײַב? נאָר דערווײַל איז עס געווען פֿאַר דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַ פֿינצטערע נחמה, בשעת זיי זיצן אויף דער ערד און באַוויינען די געשטאָרבענע איין־איינציקע טאָכטער. בײַ דעם גרויסן אומגליק נאָך ערגער אומגליקלעך צו ווערן — איז דאָס בײַ זיי זייער, זייער אָנגעלייגט געווען, אַזעלכע ווערטער פֿונעם גוטן קינד, פֿונעם אָסטרער מגידס אייניקל, צו הערן, אַז ער וויל פֿון זיי ניט אַוועק.

Both of them, Braine-Dobrish with her broken heart, with her sad, bitter thoughts, and even Dovid Smik, who scarcely ever spoke, hugged and kissed their good, smart, pious son-in-law Zainvil for his words.

Women stood around, crying and crying at the dreadful laments that Braine-Dobrish, for goodnesh' shake, was sobbing and weeping for her one and only daughter. At every word that the suffering, agonizing mother brought forth over the corpse, the women let out a heart-rending wail. The keening went on for about an hour. Braine-Dobrish kept grieving and talking, and the women wept along with her.

Then, when Zainvil promised to remain with them and his little boy, his motherless baby, and the parents-in-law threw their arms around him and showered him with kisses ("Do you hear, Beyltshe, what your Zhainvil ish shaying to ush? In front of all the townshfolk, for goodnesh' shake . . .?"), all the women burst into a flood of tears.

Suddenly, they heard a racket outside. Aaron and Sarah were arguing with the beadles. And when a few women ran out to see what all the commotion was about, the mourners inside the house could hear Sarah's voice:

"Make him give me back my child! The candle burnt up, if you please, right when Beyltse died. Cat got your tongue, Aaron? Shout: 'You kidnapper! Give us back our Sheyntsel' The tsaddik, the miracle-worker, he had his reasons when he said: 'After two days and two nights, when the candle has burnt down, that will be right, they will give thee Sheyntse again. . . .' "

Aaron the Beadle had to shout because Sarah told him to:

"Y'know, the candle burnt down the very moment when his wife died. . . ."

Tevye and Shmerel Tevyes, together with several members of the burial society, came dashing over to rebuke Sarah and her husband.

Meanwhile, the crowd, waiting outside for the funeral to begin, started mobbing the door where the beadle's wife was standing and screaming. The pushing and shoving were so bad that some people almost suffocated. No one knew what Sarah and Aaron had to yell about, and so everyone squeezed in even more.

"I'll shout out the secret, yes, I, Sarah, the beadle's wife, if you please, I'll shout it to high heaven! Aaron! Shout! Make him give us back our Sheyntsel Make him tell us where she is and we'll go and get her! Ha, the candle showed the truth, if you please. . . ." She was screaming at the top of her lungs and struggling with the beadles, fighting like a madwoman to get inside. "Let me at him! Let me get my hands on Zainvil. Make him give me back my Sheyntse. He's got her, he and no one else. . . ."

Zainvil, in the midst of his great distress, heard his name being yelled, he came over to the door and asked:

"Did somebody call me?"

Tevye and Shmerel squealed and shrieked:

"Tie the woman up. She's off her rocker!"

Sarah screamed even louder:

"Yes, yes, the candle burnt down. I'm not off my rocker. . . ." Spotting Zainvil, she grabbed him with both hands:

"Swear to me, if you please, on the corpse, that you will return my Sheyntse, the tsaddik said so, if you please. . . ."

Zainvil assumed that the woman had gone crazy in her grief. With tearful eyes, he walked back to his dead wife.

The town beadles grabbed Sarah's arms and dragged her home. Meanwhile Tevye Bilenkis and Shmerel Tevyes tried to make Aaron the Beadle realize that it was stupid and terribly wrong to suspect a man like Zainvil, and they said some harsh things to him:

"If you or your wife so much as dare to say a bad word against the grandson of the Preacher of Ostro, that dear man Zainvil, then tomorrow you'll no longer be beadle of the bes-medresh."

בײדע, ברײַנע־דאָבריש מיטן צעריסענעם האַרץ, מיט דעם טרויעריקן, ביטערן געמיט, און אַפֿילו דער שווייגנדיקער דוד סמיק, זײַנען צוגעפֿאַלן קושן און האַלדזן דעם גוטן, פֿרומען, קלוגן זײַנוועלען פֿאַר די ווערטער.

ווײַבער זײַנען אַרום געשטאַנען און האָבן זייער געוויינט אויף די ביטערע קלאָגלידער, וואָס ברײַנע־דאָבריש האָט, „צאַנצילאַמיש", אויסגעקלאָגט און אויסגעיאָמערט אויף דער איין־איינציקער טויטער טאָכטער. בײַ איטלעכן וואָרט האָבן די ווײַבער אַרויסגעלאָזט אַ געוויין מיט אַ האַרצרײַסנדיק קול. אַזוי האָט עס געדויערט אַקעגן אַ שעה. ברײַנע־דאָבריש האָט אַלץ געטרויערט מיט ווערטער און די ווײַבער האָבן נאָכגעוויינט.

דערנאָך, אַז זײַנוועלע האָט צוגעזאָגט, ער וועט בײַ זיי בלײַבן מיט זײַן קליין יינגעלע, מיטן יתומל, און די פֿאָטער־און־מוטער האָבן אים מיט אַ געוויין אַרומגעפֿאַלן האַלדזן און קושן („הערשטו, טאָכטערביילצע, וואָש דײַן זײַנוועלע זאָגט אונדז צו? פֿאַר אַלע סטאָטלײַט, צאַנצילאַמיש..."), דאָ האָבן זיך אַלע ווײַבער צעגאָסן פֿאַר געוויין.

פּלוצעם הערט זיך אַ געפּילדער פֿון דרויסן. אהרן שמש מיט שׂרה די שמשטע קריגן זיך מיט דער חבֿרה שמשים. און אַז אַ פּאָר ווײַבער זײַנען פֿון דער שטוב אַרויסגעלאָפֿן זען, וואָס עס איז פֿאַר אַ ליאַרעם, הערט מען אין שטוב, אין דער טרויעריקער שטוב, שׂרה דער שמשטעס קול:

— לאָז ער מיר אָפּגעבן מײַן קינד! דאָס ליכט האָט אויסגעברענט, מחילה, ווען זי איז געשטאָרבן, אַקוראַט. וואָס שווײַגסטו, אהרן? שרײַ: „ראַזבויניק! גיט אונדז אָפּ שיינצען". דער צדיק, דער בעל־מופֿת, האָט ניט אומזיסט געזאָגט: „נאָך צוויי מעת־לעת, אַז דאָס ליכט וועט אויסברענען, וועט מוזן רעכט זײַן, שיינצען וועט מען דיר אָפּגעבן"...

אהרן שמש מוז שרײַען, ווײַל שׂרה הייסט:

— משונה, האָט דאָס ליכט אויסגעברענט אַקוראַט אין דער מינוט, ווי דאָס ווײַבל זײַנס איז געשטאָרבן...

ר' טבֿיה און ר' שמערל טבֿיהס מיט נאָך עטלעכע חבֿרה־קדישא־לײַט זײַנען אויך געקומען צו לויפֿן, זיך בייזערן אויף דער שמשטע מיט דעם שמש אהרן.

דערווײַל ווערט דאָ פֿון דעם גאַנצן עולם, וואָס דרויסן שטייט וואַרטן אויף דער לוויה, אַ שטופּעניש צו דער טיר, ווו די שמשטע שטייט און שרײַט, אַז מענטשן האָבן געקאָנט דערשטיקט ווערן. ווײַל קיינער ווייסט נישט, וואָס קאָן אַזאַ שׂרה די שמשטע מיט אהרן שמש האָבן דאָ צו שרײַען. איבער דעם שטופּט מען זיך נאָך מער.

— איך זאָג־אויס דעם סוד, יאָ, איך שׂרה די שמשטע, מחילה, שרײַ גוואַלד! אהרן, שרײַ! לאָז ער אונדז אָפּגעבן אונדזער שיינצע. לאָז ער זאָגן ווו זי איז, וועלן מיר גיין זי אָפּנעמען. האַ, דאָס ליכט האָט געוויזן דעם אמת, מחילה... — זי שרײַט זייער הויך און באַרעט [57] זיך מיט חבֿרה שמשים אַרײַנצושטופּן זיך ווי אַ משוגענע — לאָז מיך צו אים, צו זײַנוועלען! לאָז ער מיר אָפּגעבן שיינצען! ער, נאָר ער האָט זי...

זײַנוועלע, אין די גרויסע צרות, הערט ער, מען רופֿט זײַן נאָמען, קומט ער צו צו דער טיר, פֿרעגנדיק:

— מיך רופֿט עמעצער?

ר' טבֿיה מיט שמערל טבֿיהס טוען אַ קוויטשנדיקן געשריי:

— שמש בינדט זי, די ייִדענע איז משוגע!

שׂרה שרײַט נאָך העכער:

— יאָ, יאָ, דאָס ליכט האָט אויסגעברענט, איך בין ניט משוגע... — זי דערזעט זײַנוועלען, כאַפּט זי אים אָן מיט בײדע הענט — גיב תּקיעת־כּף, מחילה, איבערן מת, אַז דו וועסט מיר אָפּגעבן שיינצען, דער צדיק האָט געהייסן, מחילה...

זײַנוועלע מיינט, די ייִדענע, די שמשטע, איז טאַקע פֿאַר צרות משוגע געוואָרן — גייט ער מיט די פֿאַרוויינטע אויגן צוריק צום געשטאָרבענעם ווײַב.

די שמשים האָבן שׂרה די שמשטע געכאַפּט אונטער די הענט און אַוועקגעפֿירט אַהיים. דערווײַל האָט ר' טבֿיה בילענקיס און שמערל טבֿיהס געגעבן צו פֿאַרשטיין אהרן שמש, אַז ס'איז אַ נאַרישקייט און דערצו אַ גרויסע עוולה אַזאַ זײַנוועלען חושד צו זײַן. דערבײַ האָט מען אהרן שמש געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט:

— אַז דו אָדער דײַן ווײַב וועלן זיך נאָר דערוועגן אַ שלעכט וואָרט דעם אָסטרער מגיד אייניקל, דעם טײַערן זײַנוועלען, צו זאָגן, ביסטו מאָרגן אויס שמש אין בית־מדרש.

That brought Aaron to his senses, and he quietly stole away.

Sarah, as she was being dragged home, screamed across the entire marketplace:

"Why did I spend all that money traveling? Why did I pay the rebbe a ruble? Why did I buy three pounds of white wax? If he doesn't know, why is he trying to cheat me? Why's he talking about miracles? Why do so many people pile in to see him?"

You can scream your heart out, Sarah! He won't pay you back your travel expenses, your ruble, or what the candle cost you. You're not the first and you won't be the last. People want to be cheated and they'll always find someone who knows how to pull the wool over their eyes and fleece them for it.

Beyltse was given a proper funeral that night. The seven days of mourning began on the Feast of Tabernacles, but Jews are not allowed to grieve as much during a holiday. So when the feast was over, Dovid Smik, Braine-Dobrish, and Zainvil, together with the little baby and a wetnurse, drove back to Nimyevke, to grieve there and try to find solace in the fact that the little boy had Beyltse's face.

דאָס האָט אַהרן שמש געבראַכט צום שׂכל, איז ער שטילער־הייט אוועקגעגאַנגען.

שׂרה די שמשטע, בשעת מען טאַסקעט זי אַהיים, שרײַט אי־בערן גאַנצן מאַרק:

— פֿאַר וואָס דען האָב איך הוצאות געהאַט? פֿאַר וואָס דען האָב איך געגעבן אַ קערבל אויף אַ פּדיון? פֿאַר וואָס דען האָב איך געקויפֿט אַן אָקע יאַרע וואַקס? לאָז ער מיך ניט נאַרן, אַז ער ווייסט ניט. וואָס זשע זאָגט ער מופֿתים? נאָך וואָס שטופּן זיך צו אים אַזוי פֿיל ייִדן?

שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגן, שׂרה די שמשטע! ער וועט דיר ניט צוריקגעבן דײַנע הוצאות און ניט דײַן קערבל, און ניט דאָס, וואָס דאָס ליכט האָט דיר געקאָסט. דו ביסט ניט די ערשטע און ניט די הינטערשטע. די וועלט וויל געגאַרט זײַן. געפֿינען זיי אַזעלכע וואָס קענען די מלאכה גוט אָפּצונאַרן און נעמען געלט דערפֿאַר.

ביילצען האָט מען איר רעכט אַנגעטאָן ביז נאַכט. יום־טוב סוכּות נעמט איבער שבֿעה. מוצאי־יום־טובֿ, פֿון די ערשטע טעג סוכּות, איז דוד סמיק מיט ברײַנע־דאָברישן און זײַנוועלע מיטן קליין ייִנגעלע, מיט אַ ייִדענע, אַן אַם, געפֿאָרן אין דאָרף אַרײַן קיין נימיעווקע, דאָרטן טרויערן און דאָרטן זוכן זיך צו טרייסטן, אַז דאָס קליינע ייִנגעלע האָט גאָר ביילצעס פּנים.

[87] שלאָגט זיך, אַמפּערט זיך.

That's enough out of Nosuchville. It's time to see what's happening with Mikhel—Mikhel the ex-belfer, Mikhel Gravestone, and then Mikhel the Muscovite.

We saw that three days before Rosh Hashanah, Mikhel left Nosuchville with the Russian officer Commissioner Khlyebov and drove to the Russian headquarters.

Khlyebov and Mikhel (from now on, we'll talk about him without any nickname, just plain Mikhel) arrived in Breslau two days after the Feast of Tabernacles. Breslau is a big German city in Prussia.

In Breslau, Khlyebov called upon the Russian commander, Major Redrikov, who gave him a document from the Commissioner-General of the Tsarist army, making Khlyebov inspector at the Russian provisions storehouse of Breslau. He was to supply flour, cereal, biscuits, oats, and hay to all the Russian regiments passing through Breslau and to all the Russian troops stationed in the city.

Khlyebov was taken care of. But Mikhel couldn't have much to do for him. The inspector had no business to throw Mikhel's way. However, since he had taken Mikhel away from his home, he was concerned about him. Besides, Mikhel was a perfect stranger in Germany, he knew nobody there, he couldn't even speak German. Though every Jew at home, in Polish provinces, thinks: "Ah, if the landowner talks German, I'll be able to tell him everything." The moment that Jew gets to Germany, he hears the language, but they might as well be speaking in tongues. He catches a few words that sound almost like Yiddish; but he doesn't understand what the German wants or what the German means.

Khlyebov was a good egg! He cudgeled his brains until he hit on a way to help Mikhel. Khlyebov had lots of Jewish friends who were contractors and suppliers, they had come from Russia with the Tsarist army to do business, and some of them happened to be in Breslau. A few had contracts from the military commission to provide everything to the soldiers in Russian hospitals, and with prices for every item. That too was a big business. Others had contracts for transportation. That too was a big business.

Khlyebov took his friend Mikhel from one contractor to another, asking each to employ Mikhel. He praised Mikhel and guaranteed that he was an honest, loyal man, who could be relied on in every way and entrusted with money.

Who wouldn't do a favor for a friend like Commissioner Khlyebov? A man like him could come in very handy some time. Oxman, a supplier for the Breslau Hospital, hired Mikhel for his staff, Mikhel would have to be near him all the time and in his lodgings. Not as a servant, for in Germany you don't have to take your servants when you travel; in hotels the domestics serve you better than a dozen of your own menials (that's incomprehensible for us in the Russian-Polish towns, where, with all the inns, they don't know the meaning of the words *service* and *guest*). No, Oxman took Mikhel along to purchase the supplies for the hospital. Oxman had a German employee, a man from Breslau, but he didn't feel that he was all that trustworthy, so he had Mikhel join him to buy the goods they needed.

When a young man comes to Germany from a Russian-Polish town, and especially to a big city like Breslau—how dazed he is at first.



גענוג שוין לויהאיאפאלי. עס איז צײַט אַ קוק צו טאָן, וואָס מיט מיכלען — דעם געוועזענעם מיכל בעלפער, מיכל מצבֿה, דער־נאָך מיכל מאָסקוויטישער — טוט זיך.

מיר האָבן געזען, אַז מיכל איז דרײַ טעג פֿאַר ראש־השנה מיט דעם רוסישן אָפיציר, קאָמיסיאָנער כליעבאָוו, אוועקגעפֿאָרן פֿון לויהאיאפאלי צו דער רוסישער הויפּטקוואַרטיר.

כליעבאָוו איז מיט מיכלען — פֿון הײַנט אָן וועלן מיר אים רופֿן אָן צונעמען, נאָר גלאַט: מיכל — אָנגעקומען צוויי טעג נאָך סוכּות קיין ברעסלע. דאָס איז אַ דײַטשערישע גרויסע שטאָט אין דער פּרײַסישער מדינה.

אין ברעסלע האָט שוין כליעבאָוו געפֿונען בײַ דעם רוסישן קאָמענדאַנט מאַיאָר רעדריקאָוו, אַ פּאַפּיר, ווו דער גענעראַל־אינ־טענדענט פֿון דער רוסישער אַרמיי הייסט כליעבאָוון, זײַנער אַ סמאָטריטיעל, אַ מאַגאַזינער, טאַקע אין ברעסלע בײַ דעם רוסישן פּראָוויאַנט־מאַגאַזין: צו געבן מעל, גרויפּן און סוכאַרעס, און האָ־בער און היי אַלע רוסישע פּאָלקן, וואָס גייען דורך ברעסלע, און די רוסישע סאָלדאַטן, וואָס וועלן בלײַבן שטיין אין ברעסלע.

כליעבאָוו איז פֿאַרזאָרגט. מיכל קאָן אָבער אַרום כליעבאָוון זייער ווייניק האָבן צו טאָן. ער האָט גאָר ניט אַזאַ עסק, מיכל זאָל דערבײַ קאָנען פֿאַרדינען. ער האָט דאָך אָבער מיכלען פֿון דער היים אוועקגענומען, טוט אים באַנג. אחוץ דעם איז דאָ אין דײַטשלאַנד מיכל אַ ווילדפֿרעמדער. ער קען ניט אַזוי קיין שום מענטשנן ניט, ער קען אָפֿילו דאָס דײַטשישע לשון ניט. כאָטשע איטלעכן ייִדן אין דער היים, אין די פּוילישע מדינות, פּריץ דאַכט זיך: „אַ, אַז דער פּריץ שמועסט דײַטשעריש, וועל איך דאָך אים קאָנען זאָגן אַלצדינג" — באַלד אַזאַ ייִד קומט קיין דײַטשלאַנד, הערט ער קלינגען און קאָן ניט נאָכזינגען. ער הערט ריידן צווישן די ווערטער אַ פּאָר, קלוימערשט, ווי עס דאַכט זיך, גאָר ווי ייִדיש; פֿאַרט פֿאַרשטייט ער נישט, וואָס דער דײַטש וויל און וואָס דער דײַטש מיינט.

אַ גוטער מענטש כליעבאָוו! האָט געטראַכט און האָט אויסגע־טראַכט פֿון מיכל וועגן, ווי אַזוי צו העלפֿן. ער, כליעבאָוו, האָט געהאַט פֿיל באַקאַנטע ייִדן פּאָדריאַטשיקעס, ליפֿעראַנטן, וואָס זײַנען פֿון רוסלאַנד געקומען מיט דעם רוסישן חייל, עסקים צו האָבן בײַ פּאָדראַדן. זיינען עטלעכע געווען גראַד אַצינדערט אין ברעסלע. אַ פּאָר האָבן פֿון דער קאָמיסאַריאַטסקי קאָמיסיע, קאָ־מיסאַריאַט אָדער אַדמיניסטראַציע געהאַט קאָנטראַקטן. די רוסישע שפּיטאָלן פֿון די קראַנקע סאָלדאַטן אַלץ צו געבן, מיט מקחים פֿאַר איטלעכער זאַך. דאָס איז אויך אַ גרויס עסק. נאָך עטלעכע האָבן געהאַט קאָנטראַקטן אויף פּערעוואָזקעס [88], דאָס איז אויך אַ גרויס עסק.

כליעבאָוו האָט מיטגענומען זײַן מיכלען און איז מיט אים געגאַנגען פֿון איין פּאָדראַטשיק צום אַנדערן, און האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן מיכלען צונעמען פֿאַר אַ פּריקאַשטשיק [89]. ער, כליעבאָוו, האָט געלויבט מיכלען און האָט ערבֿ געווען אַז מיכל איז אַן ערלעכער, געטרײַער מענטש. מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן אויף אים און מען מעג אים געטרויען געלט אין די הענט אַרײַן.

ווער זאָל ניט צוליב טאָן אַזאַ באַקאַנטן קאָמיסיאָנער כליע־באָוון? אַזאַ קאָמיסיאָנער קאָן זייער גוט צו נוץ קומען אַ מאָל. האָט איינער אַ פּאָדראַטשיק פֿון דעם ברעסלער שפּיטאָל, אָקסמאַן, צוגענומען מיכלען פֿאַר אַ פּריקאַשטשיק צווישן די אַנדערע פּרי־קאַשטשיקעס, וואָס ער, אָקסמאַן, האָט געהאַט אַרום זיך. דערבײַ געהייסן, מיכל זאָל זיך תּמיד געפֿינען נעבן אים, און בײַ אים אין זײַן קוואַרטיר. ניט פֿאַר קיין משרת — ווײַל אין דײַטשלאַנד דאַרף מען ניט מיטשלעפּן קיין משרת: אין די גאַסט־הײַזער, ווו מען שטייט־אײַן, באַדינט מען זייער וווּל, בעסער ווי צען משרתים (דאָס איז גאָר ניט צו פֿאַרשטיין בײַ אונדז, אין די רוסיש־פּוילישע שטעט, מיט אַלע איינפֿאָר־הײַזער; זיי ווייסן גאָר ניט, וואָס באַ־דינען אַן אורח הייסט) — נאָר צום אײַנקויפֿן די זאַכן, וואָס מען דאַרף צום שפּיטאָל. אָקסמאַן האָט געהאַט אַ ברעסלער דײַטשל; ווי עס האָט זיך אָקסמאַנען געדאַכט, איז דאָס דײַטשל ניט געווען קיין גרויסער נאמן, דעריבער האָט ער צוגעזעצט צום דײַטשל דעם מיכלען, זיי בײדע זאָלן אײַנקויפֿן, וואָס מען וועט דאַרפֿן.

אַ יונגער מענטש, אַז ער קומט פֿון די רוסיש־פּוילישע שטעט פּלוצעם אַרײַן אין דײַטשלאַנד, און דערצו גראַד אין אַ גרויסער שטאָט ברעסלע אַרײַן — ווי דול ווערט ער לכתּחילה.

Mikhel, the silly Jews are going to make us forget our sick soldiers. Come to the hospital with me and I'll introduce you to the German. You'll always go shopping with him and buy everything that's needed for the hospital. And I'll introduce you to the man to whom you have to deliver all your purchases. Every evening, you're to give him a bill for all the things you've bought.

"I'll take Khlyebov's word that you're an honest man. I don't really trust my German. I'll pay you two hundred rubles a month. Try and buy cheap so that I can compare with the prices the German has been handing me. If you can get me better prices, then you can be sure that I'll reward you over and above your salary. Let's go!"

Mikhel had listened carefully to everything. He was even more astonished at finding a man who regarded the rebbes as ignorant and arrogant liars and anything but what he always heard in Nosuchville.

He went out with Oxman, and on the way he mulled over everything that Oxman had said. At the hospital, Mikhel understood all his tasks and he became a fine steward.

מיכל, מיר וועלן איבער די פֿאַרנאַרטע ייִדן פֿאַרגעסן אונדזערע קראַנקע סאָלדאַטן. קום־מיט אין שפּיטאָל אַרײַן, וועל איך דיר אײן מאָל ווײַזן דאָס דײַטשל. מיט דעם וועסטו תּמיד גײן אײַנקויפֿן פֿונעם שפּיטאָלס וועגן, וואָס מען דאַרף און וועל דיר ווײַזן, וועמען דו האָסט תּמיד אָפּצוגעבן די זאַכן, וואָס איר וועט אײַנקויפֿן. דעם מענטשן וועסטו אַלע פֿאַר נאַכט אָפּגעבן חשבון פֿון געלט, וואָס איר האָט אײַנגעקויפֿט.

איך גלייב כליעבאָוון, אַז דו ביסט אַן ערלעכער מענטש. מײַן דײַטשל געפֿעלט מיר ניט פֿאַר קײן נאמן. איך גיב דיר אַ חודש צוויי הונדערט רובל. און אַז דו וועסט דיך סטאַרען וואָלוול אײַנ־צוקויפֿן — איך וועל דאַך זען דעם חילוק אַקעגן די מקחים, וואָס דאָס דײַטשל האָט מיר ביז אַהער געוויזן — זײַ בטוח, איך וועל דיך גוט באַלוינען אחוץ דײַן זשאַלאָוואַניע. קום!

מיכל האָט אַלץ אויסגעהערט און איז נאָך מער פֿאַרוווּנדערט געוואָרן אַז ס׳איז דאָ אַ מענטש, וואָס האַלט די גוטע־ייִדן פֿאַר ליגנערס, פֿאַר עמי־הארצים, פֿאַר עזות־פּנימער, עפּעס גאָר ניט ווי ער האָט תּמיד אין לויהאַיאַפּאָלי געהערט.

אַ גײ געטאָן מיט אָקסמאַנען, און אויפֿן וועג ערשט רעכט איבערגעלייגט אַלץ, וואָס אָקסמאַן האָט אים געזאָגט. אין שפּיטאָל האָט מיכל תּופֿס געווען דעם עסק און איז געוואָרן אַ וווילער פּרי־קאַשטשיק.

[88] אַריבערפֿירן איבערן טײַך. — [89] משרת, אָנגעשטעלטער.

[90] נתינות, נדבות.

[91] יום־טובדיקע חלות (מנהג אָנטקעגנצוטראָגן דער כּלה מיט אַ קוילעטש).

[92] מיט די הענט בײַ די זײַטן.

[93] אַ „פֿליאַשקע" משקה. — [94] דאָ!

[95] נעקס גראָשן.

[96] אַ פּוטערל, אָדער אַ מיליטערישן מאַנטל.

[97] אײַנריכטונגען (?).

[98] (יבמות עט, ע״א) די וואָס שעמען זיך, האָבן רחמנות און גיבן גמילות־חסדים. — [99] פֿאַרהענגלעך.

## XIV

A bright and capable young man like Mikhel was a great boon to Oxman's business. Ten days later, he started making all the purchases himself, without the German. He didn't speak German very well, he still didn't have the hang of it; but when he had to make his purchases, he knew the names of the items. Money has the virtue of making the Germans understand when you want to buy something, even if your German is poor.

Oxman grew fond of Mikhel and often asked him to his lodgings when he had visitors, other contractors, in the evening, to have tea and talk about all sorts of things.

Mikhel had already gone to the theater with Oxman several times, and Oxman had explained each play to him.

Mikhel saw that Oxman was a good man, who wanted him to understand, and so he said:

"It *is* very beautiful, it *is* very intelligent, and everything's done very cleverly. And it *is* enjoyable. But if you don't mind my asking, I'd like to know: What use is the theater with all its make-believe?"

"It's good that you've asked me, Mikhel!" said Oxman. "Think about the six plays you've seen with me, and tell me if you don't feel that each one has a moral for us. A character is rich, he's a baron, and he uses so much intelligence and money to get a poor man away from his virtuous daughter and even drive him out of his home. Do you remember the baron? Well, what happens in the end? The baron loses all his wealth and becomes a cripple. While the poor man's good, virtuous, beautiful girl marries a count and the man himself becomes happy. Do you recall, Mikhel?"

"I certainly do!" said Mikhel. "I remember that all the plays are like that. Yes indeed. In the end, the just man always becomes known, and the villain is killed, or else his evil doings are exposed and he is put to shame."

"Well," said Oxman, "then the theater is more useful than a preacher's moral sermonizing. Here, in the theater, you enjoy the 'make-believe,' as you call it, Mikhel, but in the process, moral lessons are smuggled into the hearts of the people watching and listening. The play demonstrates that it's best to be honest and to follow the example of good people. On the other hand, it also demonstrates that a proud man, an evil man, a debaucher may appear to be successful for a while, but in the end he comes to shame and woe. Not everyone wants to listen to a preacher, and even if you do listen to him you'll forget his sermon and his good words an hour later. But at a play, the audience pays strict attention and listens carefully to each word, so that it sticks in their minds. I'll bet you remember every play we've seen!"

"That's right," said Mikhel. "I'll show you at home: I've jotted down the names of all the plays in Yiddish. All I need is the title, and even back in Nosuchville I'll be able to go through every play from start to finish."

## 14

א בריה א יונג, א קלוגער יונג ווי מיכל, האָט זייער גוט געטויגט אָקסמאַנען צום עסק. ער איז אין צען טעג געוואָרן, אַן דעם דײַטשל, גאָר אַליין, דער גאַנצער אײַנקויפֿער. כאָטשע ער האָט ניט גוט גערעדט אויף דײַטשעריש, עפּעס אַנדערש, אָבער דאָרט, וווּ מען האָט געהאַט צו קויפֿן, האָט ער געוווּסט די נעמען אַנצורופֿן. דערבײַ האָט דאָס געלט אַ סגולה, אַז די דײַטשן פֿאַר־שטייען, ווען מען וויל זיי געבן צו לייזן, אַפֿילו שלעכט גערעדט.

אָקסמאַן האָט ליב באַקומען מיכלען און האָט אים תּמיד צו זיך אין שטוב אַרײַנגערופֿן, ווען געסט, אַנדערע פּאָדראָטשיקעס, זײַנען זיך צונויפֿגעקומען בײַ אים אויף דער נאַכט טיי צו טרינקען און צו שמועסן פֿון אַלערליי זאַכן.

מיכל איז שוין עטלעכע מאָל געווען מיט אָקסמאַנען אין טעאַטער. און אָקסמאַן האָט מיכלען געגעבן צו פֿאַרשטיין די שטיק, וואָס מען שפּילט אינעם טעאַטער, וואָס איטלעכס באַטײַט.

מיכל האָט געזען, אַז אָקסמאַן איז אַזוי גוט און וויל, ער זאָל פֿאַרשטיין, פֿרעגט ער אַ מאָל:

— האָט מיר גיט פֿאַראיבל. יאָ, ס'איז זייער שיין. יאָ, ס'איז זייער קלוג, מיט שׂכל אַלץ געמאַכט. און מען האָט הנאה. נאָר וואָלט איך געגערן געוווּסט: צו וואָס קומט צו ניץ דער טעאַטער מיט די אָנשטעלן?

— גוט, וואָס דו האָסט מיך געפֿרעגט, מיכל! — זאָגט אָקסמאַן — אָנו, מאַך אַ חשבון פֿון די זעקס שטיק, וואָס דו האָסט מיט מיר געזען שפּילן אינעם טעאַטער, אויב איטלעכס שטיק איז ניט אַ מוסר פֿאַר דעם מענטשן? איינער איז רײַך, אַ באַראָן, און האָט אַזוי פֿיל שׂכל און געלט אויסגעבראַכט, אַז ערלעכן אָרעמען מענ־טשן צו ברענגען פֿון זײַן ערלעכער טאָכטער און פֿונעם שטיבעלע אַפֿילו אַרויסצוטרײַבן. געדענקסטו דעם באַראָן? נו, ווי האָט זיך אויסגעלאָזט? אַז דער באַראָן איז געוואָרן אָרעם און אַ קאַליקע דערצו. דער אָרעמער איז דורך זײַן ערלעך גוט, שיין מיידעלע געוואָרן אַ גוטן גראַפֿס אַ שווער און איז גליקלעך געפֿאָרן, גע־דענקסטו, מיכל?

— יאָ, כ'לעבן! זאָגט מיכל — איך דערמאָן מיך בײַ די אַלע שטיק איז אַלץ אַזוי דער קאָפּ. יאָ, כ'לעבן, טאָקע. טאָקע קומט אַלץ אויס, אַז דער גערעכטער ווערט דערגאַך באַקאַנט, און דער שלעכטער מענטש ווערט געהרגעט, אָדער זײַנע פֿאַלשע זאַכן קומען אַרויס קלאָר, אַז ער ווערט מבֿויש, נאָ...

— קומט דאָך דער טעאַטער צו ניץ בעסער, — זאָגט אָקסמאַן בעסער פֿון אַ בעל דרשנס מוסר זאָגן. דאָ, אינעם טעאַטער בשעת מען האָט הנאה פֿון די אָנשטעלן, ווי דו, מיכל, רופֿסט עס — פּעקלט מען אַרײַן מוסר, איטלעכן, וואָס זעען און וואָס הערן, אין האַרצן אַרײַן, און אַ ראיה אַז גוט איז ענלעך צו זײַן און גוטע לײַט צו פֿאָלגן גייט תּמיד אויס צום גוטן. פֿאַרקערט, ווידער, איז עס אַ ראיה, אַז אַ בעל גאווה, אַ שלעכטער מענטש, אַ הולטײַ, כאָטש עס דאַכט זיך אויף אַ קורצער צײַט, ער לויכט, קומט ער דערגאָך צו בזיונות און צו אַלע צרות. פֿון אַ בעל־דרשער וויל ניט איטלעכער הערן, און אַז מען הערט יאָ אַפֿילו, פֿאַרגעסט מען זײַן דרשה מיט זײַנע גוטע ווערטער מיט אַ שעה שפּעטער נאָך דער דרשה. די טעאַטער־שטיק הערט איטלעכער צו מיט חשק און הערט גוט איטלעכס וואָרט. בלײַבט עס טאָקע אינעם האַרצן. אַט געדענקסטו אַוודאי אַלע שטיק, ווועל איך מיך וועטן!

— אמת, — טוט מיכל אַ זאָג — איך וועל אײַך אין דער היים ווײַזן, בײַ מיר איז אויף ייִדיש אויפֿגעשריבן איטלעכס שטיק, מיטן נאָמען ווי עס הייסט, אַבי איך האָב נאָר דעם נאָמען פֿונעם שטיק, וועל איך שוין אויסנוויניק, אַפֿילו אין לויהאָיאַפּאָלי קענען דער־ציילן דאָס גאַנצע שטיק.

"I'm delighted that you're recording the names," laughed Oxman. "But do you think that the basic device of the theater comes from the jesters, what you call 'make-believe'? Back home, in that dark place, the shtetl, the wedding jesters disguise themselves and make believe. Children may dress up as soldiers, but if you see them, you won't think that military strategy comes from little children. No, Mikhel. The man who first dealt with the essence of theater was Aristotle, and even the simplest Jews talk about being 'as smart as Aristotle.' He lived thousands of years ago and he was versed in all the wisdoms of the world. And he said: 'A theater is a classroom where people learn how to be good and pious and honest. Theater is the school of virtue.' So now, Mikhel, you know what use theater is, don't you?"

"I really have to thank you, Mr. Oxman," said Mikhel. "I've learned many things that I didn't know before. In our shtetls, the Jews live like simple animals. If it weren't for one thing that draws my heart back home, I certainly wouldn't travel back into the darkness, as you put it—not to mention the liars and the Hassidic rebbes with their make-believe and the way they turn people into liars, windbags, and cripples. Those poor, poor Jews—how pitiful they are! It tears my heart apart. . . ."

And thus both men, Oxman and Mikhel, went home from the theater. . . .

— איך האב הנאה, — לאכט אקסמאן, — אז דו שרייבסט דיר אויף די נעמען. טאמער מיינסטו אבער, אז די גאנצע המצאה פון טעאטער קומט־ארויס פון מארשעליקעס, ווי דו רופסט עס „אנ־שטעלן?“ ווייל ביי אונדז אינעם פינצטערן ארט, אין די רוסיש־פוילישע יידישע שטעט, פארשטעלן זיך די מארשעליקעס אויף א חתונה און מאכן אנשטעלן. אקוראט, ווי אז מען זעט קליינע קינדער פארשטעלן זיך פאר סאלדאטן, — קאן א נאר מיינען, אז אלע תכסיסי־מלחמה קומען־ארויס פון קליינע קינדער. ניין, מיכל. דער וואס האט ממציא געווען דאס ערשטע מאל די זאך פון א טעאטער, האט געהייסן אריסטאטעלעס, אפילו פראסטע יידן זאגן: „קלוג, גאר ווי אריסטאטעלעס“ — דאס איז פאר עטלעכע טויזנט יאר געווען זייער א גרויסער וועלט־חכם אין אלע חכמות פון דער וועלט. דער האט געזאגט: א טעאטער איז א חדר, וווּ מענטשן לערנען זיך גוט און פרום און ערלעך צו זיין („דאס טעאטער איזט די שולע דער טוגענד“). אצינדערט ווייסטו, מיכל, צו וואס עס קומט צו גיין, איא?

— א שיינעם דאנק אייך, הער אקסמאן! — זאגט מיכל. — היינט ווייס איך פיל זאכן, וואס איך האב פריער ניט געוווּסט. אין די שטעטלעך ביי אונדז לעבט מען נאר ווי די בהמות פראס־טע. מיר זאל ניט זיין איין־איינציקע זאך, וואס ציט מיין הארץ אהיים, וואלט איך, כ'לעבן, ניט געפארן אין דעם פינצטערן חושך אריין, ווי איר זאגט, נאך דערצו די ליגנערס צי די חסידישע רבים מיט זייערע אנשטעלן, וואס מאכן מענטשן פאר ליגנערס, פאר פלוידערערס און פאר קאליקעס. נעבעך, נעבעך, א רחמנות אויף זיי! עס רייסט דאס הארץ...

אזוי זיינען ביידע, אקסמאן און מיכל, אהיימגעקומען פונעם טעאטער.

"If I had kept on chattering for another half hour with my false faces, people would have started bringing me money. Women with blind girls were already jamming around me. Then Lippe, that gross fellow, burst into guffaws:

" 'You idiots! He's making fools of you. You know who this is? This is Oxman, a contractor. Hahahaha! . . . .'

"They might not have believed him, but I blurted out:

" 'Look how easy it is to fool you. There wasn't one true word in the whole Hassidic Cabala that I was spouting here. I really pulled the wool over your eyes. And that's how rebbes trick you all the time. The rebbe praises himself, and you believe him. He lies, and you give him money for his lies. Now let me tell you the truth. King Solomon wrote in Proverbs: "The gullible man believeth every word." The great sage did not say that about a fool, for a fool does not believe everything. In fact, we Jews have a saying: "A fool is hard to fool." Solomon's proverb refers to the man who falls for anything. You, my brethren in Russian Poland, you're nobody's fools. And only a fool would mistake you for fools. But *what* are you? You're credulous, you're gullible, you're easily taken in. . . .'

"What do you think, gentlemen? Several people in that big crowd took me aside and thanked me for my performance and for my last words:

" 'You've done a good deed and you've done a lot of people a big favor in many ways. Nowadays so many young men are being recruited by the Lubavitcher Hassids. Your joke will pull the rug out from under the recruiter's feet.'

"Understand me correctly, gentlemen. You have to fight fire with fire, you have to use their own weapons against them, their pointless, uneducated biblical nonsense, their false laughter, their twisted grimaces. You have to ridicule them so that simple people will laugh at them in the streets. That's the only way to destroy their prestige. Furthermore, we have to ask the Tsar to issue a ukase compelling all Jews to learn how to read and write. If Jews read the excellent works by modern young Russian authors, we'd have a whole different life. Jews would drive out the Hassids and their rebbes with sticks. God willing, I hope that happens within fifty years throughout Russian Poland, with consolations and salvations for Jews in all the shtetls."

No one enjoyed Oxman's story or laughed as much as Mikhel did.

Gershon Margosin wouldn't pass up the chance. He said:

"We won't leave you, Oxman, until you tell us about Lippe Levit, because I know that man. He's a broker, a bad egg. How did *you* ever meet him? How can you travel with someone like that. I'd really like to know!"

איך זאָל געווען נאָך אַ האַלבע שעה טאָקן די פּלוידער־תּורה און מיט די פֿאַלשע העוויות, וואָלט מען געווען אָנגעהויבן צו טראָגן געלט. ווײַבער מיט בלינדע מיידלעך האָבן זיך שוין גע־שטופּט צו מיר. האָט דער גראָבער יונג, דער ליפּע, אַרויסגעלאָזט איין געלעכטער נאָכן אַנדערן:

— נאַראָנים! מען נאַרט אײַך אין זאַק אַרײַן. ווייסט איר ווער דאָס איז? דאָס איז אָקסמאַן, אַ פּאָדראַטשיק, כאַ־כאַ־כאַ...

אפשר וואָלטן זיי אים ניט געגלייבט, נאָר איך האָב געעפֿנט דאָס מויל:

— זעט, ווי גרינג עס איז אײַך אָפּצונאַרן. אַט וואָלט איך מיט די חלשותדיקע ווערטער — ניט איין אמת וואָרט איז אין דער גאַנצער חסידישער קבלה־תּורה, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, — אײַך געקאָנט אין טאָרבע אַרײַננעמען. אַזוי מאַכן אײַך אַלע רבּיס אַ גאַנץ יאָר צום נאַר. ער אַליין, דער רבי, לויבט זיך, און איר גלייבט. ער לײַגט, און איר גיט אים געלט פֿאַר זײַנע ליגנס. איר, קלוגע ייִדן, לאָזט אײַך אײַנריידן די גרעסטע פֿאַלשע ליגנס. איך וועל אײַך אַצינדערט זאָגן אַן אמת וואָרט. שלמה המלך האָט אָנגע־שריבן אין ספר משלי: פּתי יאַמין לכל דבֿר [101]. דער חכם שלמה האָט ניט געזאָגט: „שׂכל יאַמין לכל דבֿר". ווײַל „שׂכל" איז דער טײַטש: אַ נאַר, אַ שוטה, אַזעלכער גלייבט ניט איטלעכן, ווי מען זאָגט בײַ ייִדן אַ גלײַכווערטל: אַ נאַר איז שווער צו נאַרן. דאָס לשון־קודש־וואָרט „פּתי" — איז טײַטש: אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך גרינג איבעררײדן. אַט אַזעלכער הייסט „פּתי". דעריבער זאָגט שלמה המלך: „פּתי יאַמין לכל דבֿר". איר, ברידערלעך, אין רוסיש־פּוילן, איר זײַט ניט קיין נאַראָנים. דער איז אַליין אַ נאַר, וואָס גלייבט אויף אײַך אָדער ער האַלט אײַך פֿאַר נאַראָנים. וואָס דען זײַט איר? פּתאים, איר לאָזט אײַך גרינג אײַנריידן...

וואָס מיינט איר, רבותים? עטלעכע פֿון דעם גרויסן עולם האָבן מיך געפֿירט אין אַלקער אַרײַן און האָבן מיר געדאַנקט פֿאַר מײַן גאַנצן אָנשטעל און פֿאַר מײַנע הינטערשטע עטלעכע ווער־טער:

— איר האָט אַ מצווה געטאָן און אַ טובֿה געטאָן אין כּמה אופֿנים פֿיל מענטשן. בײַ אונדז ווערבעוועט מען הײַנט יונגע לײַט אינעם חב"ד [102] אַרײַן, דורך אײַער געשפּעט־טרײַבן וועט דער ווערבעניק בלײַבן ניט געפּועלט.

פֿאַרשטייט איר מיך, רבותים, מען מוז מיט כּלים שפּעטן פֿון זיי, טאַקע מיט זייערע כּלים, מיט זייערע פּריסנע [103], ניט גע־הובליעוועטע תּורה־זאָגעכצן, מיט זייערע פֿאַלשע געלעכטערלעך, מיט זייערע געקנייטשטע העוויות, זיי צו געשפּעט מאַכן, אַז דער פּראָסטער עולם זאָל אין די גאַסן פֿון זיי שפּעטן, דענסטמאָל וועלן זיי אויפֿהערן צו גילטן. דערבײַ בעטן דעם קייסער, ער זאָל הייסן, ער זאָל געבן אַן אוקאַז, אַז אַ ייִד מוז כאָטש גוט קענען שרײַבן און לייענען, וועלן ייִדן לייענען פֿון די הײַנטיקע רוסישע יונגע ווילע ביכער־שרײַבערס זייערע חרוצישע [104] חיבורים, וועט גאָר בײַ אונדז ווערן אַן אַנדער וועלט. מיט שטעקנס וועט מען טרײַבן די חסידים מיט זייערע רבּיִם. דאָס, האָף איך צו גאָט ברוך הוא, וועט נאָך אין אַ פֿופֿציק יאָר ווערן אין גאַנץ רוסיש־פּוילן אין אַלע שטעט בײַ ייִדן ישועות ונחמות.

פֿון דעם דערציילעכצן, מיט אָקסמאַנס ווערטער, האָט קיינער ניט אַזוי הנאה געהאַט און ניט אַזוי שטאַרק געלאַכט ווי מיכל.

ר' גרשון מאַרגאָסין האָט ניט געשענקט און האָט געזאָגט:

— מיר גייען ניט אַוועק פֿון אײַך, אָקסמאַן, ביז איר מוזט אונדז דערציילן פֿון דעם ליפּע לעווית, ווײַל איך קען דעם בחור, ער איז אַ פֿאַקטער, אַ בייזע לייד. ווי קומט איר צו אים, מיט אַזעלכן זאָלט איר אין איינעם פֿאָרן? אַ קשיא!

[100] מניעה, אַ שטערונג.

[101] (משלי יד, ט"ו) אַ נאַר גלייבט אַלצדינג.

[102] (ראשי־תיבות) חכמה, בינה, דעה — די שיטה פֿון די ליובאַוויטשער חסידים. — [103] זיסלעכע. — [104] פּלמסיקע.

## XVI

It was already late at night. The next morning, Oxman would have to make sure that all the food supplies reached the hospital kitchens so that the staff would be able to cook for the sick soldiers. It was therefore agreed that the company would get together in a week at Gershon Margosin's home, and there Oxman would tell the story about Lippe Levit and the false headband.

Exactly seven days later, in the evening, Mikhel reminded Oxman that it was time to go to Margosin.

"Yes, you're right. I did promise. Come along with me, Mikhel."

The two of them arrived at Margosin's home, where they found the entire group of contractors all waiting to hear Oxman's story. They begged him to start right away.

Oxman asked:

"How do you know the story is worth hearing? Why are you so anxious for me to tell it on the spot? My dear colleagues, don't you realize a man is not always prepared to tell a story, especially if it's treated as an obligation."

Gershon Margosin replied:

"My dear Oxman, you, in turn, don't realize that I heard something about this matter in Kalisz when our Tsar had a conference there with the King of Prussia. I've got my audience on tenterhooks with what I've told them so far. But we all realize that the main part is missing. That's why we're all pleading with you to tell us the whole thing, exactly as it happened."

"If that's the case," said Oxman, "I'll have to tell you, especially for your sake, Mr. Margosin, since you asked me how I ever came to travel with a bad egg like Lippe Levit, the broker of Zhitomir. This is what happened."

### OXMAN'S STORY

It began during the great cold waves in the winter of 1812–1813, which seemed to come almost deliberately in honor of the French.

On the Christian New Year, I arrived in Czernigov, intending to continue to army headquarters. If you remember the story of Wise Hans, his saying was: "When do all contractors get together? In hell and at military headquarters." All the suppliers were going to headquarters for business, and so I went too. But it was very dangerous traveling in that terrible weather, and so I had to stay a while in Czernigov until it got a bit less cold. Besides, there was no way of knowing where the headquarters were because Tsar Alexander, Field Marshal Kutuzov, and the entire army never lingered anywhere. They kept marching and marching towards Germany, to drive Napoleon and the remnants of his army all the way across Germany's borders. And so I stayed on in the Lithuanian town of Czernigov.

There was only one house in town where Jews could stay, it belonged to a man named Aizl, and he took in lodgers. So I drove over.

How awful I felt upon arriving when I saw that Aizl had only one room, and fifteen guests were lying in it. They all slept on the floor like cows in a barn. I asked Aizl's wife, a filthy woman, whether she couldn't give me a private room.

"We ain' got none. We did have one, but it's taken by Mr. Lippe, the big contractor."

She said that to me right by the door to the room. Lippe opened the door when he heard me say:

"My name is Oxman, I'll have to find a private room somewhere else."

## 16

עס איז שוין געווען שפּעט בײַ נאַכט. דערצו איז אָקסמאַנס עסק, אַז מען מוז צום שפּיטאָל פֿאַרטראַכטן אַלץ מיטן טאָג גלײַך, איבערצוגעבן פֿאַר די קיכן, זיי זאָלן האָבן וואָס צו קאָכן פֿאַר די קראַנקע סאָלדאַטן. האָט געמוזט בלײַבן, אויף אַכט טעג שפּעטער זאָל מען זיך צונויפֿקומען בײַ ר׳ גרשון מאַרגאָסין. דאָרטן וועט אָקסמאַן דערציילן די מעשׂה פֿון דעם ליפּע לעוויט מיט דעם פֿאַלשן שטערן־טיכל (אָדער שטערן־בינדל אָדער בינדאַליק, ווי מען רופֿט עס).

מיכל האָט דערמאָנט אָקסמאַנען אַקוראַט צום אַכטן טאָג, ווי עס איז נאַכט געוואָרן, צו מאַרגאָסינען צו גיין.

— יאָ, דו ביסט גערעכט, איך האָב צוגעזאָגט. קום, מיכל, מיט מיר אַהין.

בײדע זײַנען געקומען צו מאַרגאָסינען און האָבן די גאַנצע חבֿרה פּאָדראַטשיקעס שוין אָנגעטראָפֿן אין איינעם וואַרטן אויף אָקסמאַנס מעשׂה און בעטן אים תּיכּף אָנצוהייבן.

אָקסמאַן פֿרעגט:

— פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז די מעשׂה איז ווערט צו הערן דערציילן, וואָס איר ווילט אַזוי שטאַרק, איך זאָל תּיכּף אַ דערציילטאָן? איר ווייסט אפֿשר ניט, מײַנע ליבע פּאָדראַטשיקעס, אַז מען איז ניט תּמיד גלײַך פֿאַרטיק אַ זאַך צו דערציילן, בפֿרט אַז מען מאָנט עס ווי אַ חובֿ: דערצייל שוין, דערצייל שוין.

ר׳ גרשון מאַרגאָסין ענטפֿערט:

— איר, מײַן ליבער אָקסמאַן, ווייסט ווידער ניש, אַז עפּעס פֿון ליפּעס מעשׂה האָב איך געהערט אין קאַליש, בשעת אונדזער קייסער איז דאָרטן זיך צונויפֿגעפֿאָרן מיטן פּרײַסישן מלך. איך האָב דעם עולם סקאַליעטשעט, וואָס איך האָב זיי אַזוי ווײַט דערציילט. פֿאַרשטייען אַלע, אַז דער קאָפּ גייט־אָפּ. דעריבער בעטן מיר אײַך אַלע אַזוי שטאַרק, איר זאָלט דאָס גאַנצע, ווי עס איז געווען, דערציילן.

— אַז ס׳איז יאָ אַזוי, — זאָגט אָקסמאַן — מוז איך דערציילן, בפֿרט איר, ר׳ גרשון מאַרגאָסין, האָט מיך אַנומלט געפֿרעגט אַ האַרבע קשיא: ווי קום איך מיט אַזאַ בייזער לייד ליפּע פֿאַקטער פֿון זשיטאָמיר צו פֿאָרן אין איינעם? די מעשׂה איז אַזוי:

דער אָנהייב איז פֿון די גרויסע פֿרעסט, וואָס יענעם ווינטער 1812 — 1813 איז געווען, עפּעס ווי אומישנע מכבד צו זײַן די פֿראַנצויזן.

אין די גרויסע פֿרעסט בין איך אָנגעקומען נײַ־יאָר אין טשערניגאָװ, פֿון דאָרטן װײַטער צו פֿאָרן צו דער הויפּטקוואַרטיר. ווי דער עולם דערציילט פֿונעם קלוגן הענזלס וועגן, זײַן גלייככווערטל איז געווען: ווען זעען זיך אַלע פּאָדראַטשיקעס אין איינעם? נאָר אין גיהנום, און בײַם לעבן — אין דער הויפּטקוואַרטיר. אַלע פּאָדראַטשיקעס זײַנען אַהין געפֿאָרן נאָך עסקים, פֿאָר איך אויך. עס איז אָבער באמת געווען אַ גרויסע סכּנה צו פֿאָרן אין די גרויסע פֿרעסט פֿון זעקס און דרײַסיק גראַד. דעריבער האָב איך געמוזט בלײַבן אין טשערניגאָװ אַ ביסל וואַרטן, אפֿשר וועלן אָפּלאָזן די פֿרעסט. אחוץ דעם האָט מען ניט געקאָנט וויסן, ווו די הויפּטקוואַרטיר שטייט, ווײַל דער קייסער אַלעקסאַנדער אַליין מיט דעם פֿעלדמאַרשאַל קוטוזאָוו און דאָס גאַנצע חיל האָט ניט גערוט. מען איז נאָך ווײַטער און ווײַטער געגאַנגען אַרויף קיין דײַטשלאַנד, נאַפּאָלעאָנען מיט זײַן ביסל נשאר־קרים אַרויסצוטרײַבן איבער דײַטשלאַנדס גרענעצן. בלײַב איך, אָקסמאַן, אין דער ליטווישער שטאָט טשערניגאָוו.

איין־איינציקער ייִד אײַזל, בײַ דעם שטייט מען אײַן, אין טשערניגאָוו. דער אײַזל האַלט אורחים. בין איך, אָקסמאַן, מן הסתּם, אויך אַהין אַרײַנגעפֿאָרן.

ווי ניט־גוט איז מיר געוואָרן, אַז בײַ דעם אײַזלען איז נאָר דאָ איין איינציקע שטוב. דאָ ליגן אפֿשר פֿופֿצן אורחים. אויף דער ערד שלאָפֿן אַלע, ווי בהמות אין אַ שטאַל; איך פֿרעג די באַלעבאָסטע, די קויטיקע ליטוואַטשקע, אײַזלס ווײַב, אויב ס׳איז ניטאָ אַ באַזונדער שטיבל מיר צו געבן.

— ניסט פֿאַראַן. ס׳איז דאָ איין סטוב, סטייט אָבער איצט ר׳ ליפּע, דער גרויסער פּאָדראַציק.

גראָד ווי זי האָט מיר די תּשובֿה געזאָגט, איז עס געווען בײַ דער טיר פֿון יענער שטוב. עפֿנט דער ליפּע די טיר, ווי ער הערט מיך זאָגן:

— איך הייס אָקסמאַן, און מוז מיר ערגעץ אַנדערש זוכן אַ באַזונדער שטיבל.

"Oh, Mr. Oxman?" said Lippe charmingly. "I'd be delighted to share my room with Mr. Oxman. Do come in. I've got this whole room to myself. It'll be fine with me, that's the kind of tenant I'd like."

I'd never heard of him, I didn't know who the great contractor Lippe was. I had never even heard his name. But he knew me and he was doing me a big favor.

Lippe's servant ran to get my bed linen and my belongings. I found myself in a large, clean room, very warm and well lit.

There was a samovar standing on the table and a chest with plates and a tea service. The old-time Russian contractors never traveled without the three *S*'s: a *s*ervant, a *s*uitcase, and a *s*amovar. I thought to myself: Lippe must really be an old-time contractor. I felt good coming in from the cold. Hot tea with a bottle of rum: I could soon warm up, couldn't I?

I saw that a shopkeeper had brought over a large cone of sugar, plus two more bottles of rum and a pound of tea. He held a written bill in his hand and probably wanted to be paid. Lippe told him:

"Come back tomorrow."

As we drank our tea, Lippe said to me:

"You don't know me because you're still very young. I knew both your father and your mother" (Lippe mentioned them by name) "and they knew me very well. Your mother is no longer with us, and your father lives in Uman, isn't that so?"

Even though I didn't know him, these various indications made me believe that Lippe was truly one of the old-time big contractors with the three *S*'s.

The two of us ate in Lippe's warm, clean room, where I spent the entire day. As did Lippe. He said he had been held up by the great cold waves. He had important business, in partnership with a man named Leyzer Dilon of Nezvizh. Dilon had remained at the headquarters, but Lippe had had to come here for a few days. He was going to wait until the cold weather got a bit less severe. He had his transportation. A sleigh, with three horses eating oats and ready to speed off. As night came, Lippe asked me if I'd like to go to the bath with him.

"I'd be glad to," I replied. Especially since Aizl, the landlord, came in and respectfully announced:

"The bath is ready, they say."

So the landlord, Lippe, and I went out. The bathhouse was only a few streets away. It was dark inside, an awful place to undress, but I was already there, so I had to take my clothes off.

All at once, in the dark bathhouse, I was terrified to see—you probably won't believe me, just as I couldn't believe my own eyes: Russians, male and female, stark-naked, were bathing together, right there in the bathhouse. . . .

I ran away and pulled on my clothes, then I dashed back to the room.

There were Jews from Berditchev there, and I angrily asked them:

"What's this business anyway? Men bathing together with women!"

"Yes, that's the way it is here. We're used to it already," the guests answered.

"Used to it?! A fine thing! It's disgusting!" I snapped, and stormed into my room.

There I saw that my bed linen and my belongings were scattered about. I asked the servant:

"Who threw my things around?"

The servant replied:

— א, הער אקסמאן? — זאגט דער ליפע מיט חן — הער אקס־מאנען נעם איך צו מיר ארײַן. קומט ארײַן. איך בין דא אליין אין א גאנצער שטוב. זייער גוט, אזא שכן וויל איך.

— איך קען אים ניט, איך ווייס אים ניט, ווער דער גרויסער פאדראטשיק ר׳ ליפע איז. איך האב אפילו קיין מאל ניט געהערט זײַן נאמען. נאר דערווײַל האט ער מיך יא געקענט און האט מיר א גרויסע טובה געטאן, לעת־עתה.

ר׳ ליפעס משרת לויפט מײַן בעטזאק מיט מײַנע זאכן אהער צו ברענגען. איך בין שוין אין א גרויסער, ריינער שטוב, זייער װארעם און ליכטיק.

דערצו שטייט א סאמאוואר אויפן טיש בײַ ר׳ ליפען, א לאר־טשיק אדער א פאגרעבעץ [105] מיט שאלן, און אלע טײ־כלים שטעקן דרינען. די אלטע רוסישע פאדראטשיקעס זײַנען קיין מאל נישט געפארן אן דרײַ מאל „טשיק": א לארטשיק, א מאלטשיק און א טשעמאדאנטשיק (א רענצל פון לעדער). טראכט איך בײַ מיר: דער ליפע מוז אוודאי זײַן פון די אלטע פאדראטשיקעס. מיר איז דא גוט געווארן פון דער קעלט קומענדיק. הייסן טיי מיט א בוטילקע ראם שטייט דערבײַ, קאן מען זיך באלד דערווארעמען, איא?

איך זע: פון א קראם האט מען געבראכט א גרויסן הוט צוקער און נאך צוויי בוטילקעס ראם, מיט א פונט טיי. דער קרעמער האלט א געשריבענעם חשבון אין די הענט, וויל ער געלט, מן הסתם. זאגט אים ר׳ ליפע:

— זאווטרא, (דאס הייסט — מארגן וועסטו קומען).

בײַ דעם טיי טרינקען זאגט מיר דער ר׳ ליפע:

— איר קענט מיך ניט, ווײַל איר זײַט נאך גאר א יונגערמאן. אײַער טאטע און אײַער מאמע — ר׳ ליפע האט זיי בײדע אנגערופן בײַ די נעמען — קען איך און זיי האבן מיך זייער גוט געקענט. אײַער מאמע איז געשטארבן און אײַער טאטע וווינט אין אומאן, איא?

כאטש איך קען אים ניט, נאר בײַ אזעלכע סימנים גלייבט מען, אז דער ר׳ ליפע איז אוודאי איינער פון די אלטע, גרויסע פאדרא־טשיקעס מיט די דרײַ מאל „טשיק".

געגעסן האבן מיר בײדע בײַ ר׳ ליפען אין שטוב, און איך בין א גאנצן טאג געבליבן אין דער ווארעמער, ריינער שטוב. ליפע אויך. ווי ער זאגט, איז ער איבער די גרויסע פרעסט מעוכּב [106] געווארן. ער האט זײַנע גרויסע עסקים, בשותפות מיט איינעם ר׳ ליזער דילאן פון נעסוויזש. איז ר׳ ליזער דילאן געבליבן בײַ דער הויפטקווארטיר, נאר ער האט געניטיק געמוזט אויף עטלעכע טעג פארן אהער. דא איז ער געבליבן ביז די קעלטן וועלן נאכלאזן. האט ער זײַן פור. א שליטן מיט דרײַ פערד שטייען און פרעסן האבער אויף אוועקצופארן. דערבײַ, אז ס׳איז נאכט געווארן, טוט דער ר׳ ליפע מיך א פרעג, אויב איך וויל גיין אין באד ארײַן מיט אים.

— זייער וויל — ענטפער איך. בפרט, דער באלעבאס אײַזל איז ארײַנגעקומען מיט גרויס דרך־ארץ זאגן:

— די באד איז סוין גאטאוו, זאגט מען.

— גייען דער באלעבאס, ר׳ ליפע און איך. ניט ווײַט הינטער דער גאס איז די באד. פינצטער איז אין דער באד, זייער א פאס־קודנע ארט זיך אויסצוטאן, נאר איך בין שוין דא, מוז מען זיך שוין אויסטאן.

ווי דערשראקן בין איך געווארן, אז איך האב אין דער חושכ־דיקער באד דערזען, איר וועט דאס אפשר ניט גלייבן, אזוי ווי איך האב מײַנע אייגענע אויגן ניט געגלייבט: קאצאפעס מיט קאצאפקעס, נאקעטע, באדן זיך אין איינעם, דא אין דער באד...

איך בין אנטלאפן געווארן און האב מיך צוריק ווידער אנגעטאן, אהיים, צוריק אהיים אנטלאפן געווארן.

בארדיטשעווער יידן, וואס זײַנען אײַנגעשטאנען בײַ דעם אײַנז־לען, האב איך מיט כּעס א פרעג געטאן:

— סטײַטש, מאנסבילן באדן זיך אין איינעם מיט ווײַבער הי?

— יא, הי איז אלץ אזוי. מיר זײַנען שוין אזוי געוווינט — ענטפערן מיר די אורחים.

— שיין געוווינט, שיין, ערלעך, אזא יאר זאלט איר האבן! — האב איך די יידן געזאגט און בין אין מײַן שטוב ארײַנגעגאנגען.

אין שטוב זע איך מײַנע זאכן פון מײַן בעטזאק זײַנען צעווארפן. איך טו א פרעג דעם משרת:

— ווער האט דא מײַנע זאכן צעווארפן?

ענטפערט מיר דער משרת:

"My master, Mr. Levit, told me to take out a shirt and trousers and a pair of stockings with a few other things and bring them to the bathhouse, and I gave them to him there. You didn't see me because it was so dark."

Now it can happen that a man may run out of clean linen and be forced to borrow from someone else. But why hadn't Mr. Lippe asked me? That was one thing. Then I began peering around carefully. All I could see in the large room was the suitcase, the large cone of sugar, and the bottles of rum. There was absolutely nothing else. Lippe's coat also served him as his dressing gown. Even the bed was nothing but straw. It had a Russian featherbed, new and white, and a filthy pillow from the landlady, with Russian eagles embroidered on it. The featherbed must have been supplied by a local shopkeeper against the promise of being paid tomorrow. The suitcase probably too, just like the sugar and the rum.

I went to bed. I didn't hear Lippe come home. When I got up in the morning, people were drinking tea, and Lippe had gone off somewhere.

The landlord and his wife, together with the servant, came in to ask me something. I won't bother imitating their Lithuanian Yiddish and their gestures and grimaces, I'll just tell you everything in our Yiddish. What did they ask me?

"Mr. Levit, the great contractor, has a headband with very large pearls. He wants ten thousand rubles for it. I, Aizl, want to buy the headband for my wife, and I'll give him three thousand rubles in bank notes on the spot. I want to pay the shopkeepers three hundred rubles for what Mr. Levit owes them. Plus room and board for him and his servant and his driver for four weeks, plus hay and oats for his horse, and there'll be a fifth week—that makes another three hundred rubles. And I'll give him an IOU for the rest, to be paid in six months. With such a big contractor, it's no problem waiting till I get the money, I've got a post station with forty horses. Things are a bit tough now, I can't give him any cash. We saw that he paid you his respects and took you into his room. So I'm asking you to get him to do us the favor. You'd be doing a good deed."

The servant then said:

"Mr. Levit only hired me here, and I've already lent him a hundred rubles of my own money because he said it would only be for a few days. But now I have to send the money to my wife in Kiev. I'll travel along with him, but I have to send something to my wife so she won't starve to death. He's giving me a big salary, fifty rubles a month. But meanwhile, my wife needs money, she does. If you can get him to sell the headband, he'd have enough cash to pay me back my hundred rubles."

"What about the horses?" I asked the servant.

"The horses belong to a drayman. He was hired by Mr. Levit. The horses are eating oats at the drayman's expense, and the drayman is charging twenty-five rubles a week for waiting—and sixty a week for driving. He's been waiting here three weeks already. It's too cold to travel."

I promised them I would talk to Mr. Levit about these matters.

If Lippe had a headband to sell for ten thousand rubles, he must be a wealthy man. When the landlord and his wife said that the headband with the big pearls was worth ten thousand rubles, I assumed they had called in an expert or were experts themselves. There's an old saying: "Ten locks are better than one impoverishment." If Lippe had something worth ten thousand rubles, that is to say, one thousand ducats, then he had to be rich.

— דער באַלעבאָס מײַנער, ר׳ ליפּע, האָט מיר געהייסן פֿון אײַער בעטזאַק אַרויסנעמען אַ העמד און פּלודערן און אַ פּאָר זאָקן מיט נאָך עטלעכע זאַכן, איך זאָל אים נאָכטראָגן אין באָד אַרײַן, האָב איך אים דערלאַנגט. איר האָט מיך ניט געזען, ווײַל עס איז פֿינצטער דאָרט.

כאָטש עס קאָן זיך טרעפֿן, אַז מען האָט זײַן ווײַס גרעט נאָך נישט געוואַשן, מוז מען אפֿשר אַנטלײַען בײַ אַ באַקאַנטן דערווײַל. נאָר די קשיא איז: פֿאַר וואָס האָסטו, ר׳ ליפּע, מיך נישט געפֿרעגט? איז דאָס ערשטע. דערנאָך הייב איך אָן רעכט צו קוקן. איז טאַקע אין דער גאַנצער שטוב ניטאָ נאָר דער לאַרטשיק מיטן גרויסן הוט צוקער, מיט בוטילקעס ראָם, ווײַטער לחלוטין גאָר נישט. איין טולופּ גייט ר׳ ליפּע פֿאַר אַ שלאָפֿראָק און פֿאַר אַ טולופּ. אַפֿילו דאָס בעט איז מיט הוילע שטרוי, און דערויף ליגט אַ רוסישע נײַע, ווײַסע קאָלדרע מיט דער באַלעבאָסטעס אַ קויטיקן קישן, אויסגענייט מיט רוסישע אָדלערס. די קאָלדרע איז אפֿשר אויך בײַ אַ קרעמער געגנו־מען אויף מאָרגן צו צאָלן, דער לאַרטשיק אויך, אַקוראָט ווי דער צוקער מיט דעם ראָם.

איך האָב מיך געלייגט שלאָפֿן. איך האָב ניט געהערט ר׳ ליפּעס אַהיימקומען. ערשט אין דער פֿרי בין איך אויפֿגעשטאַנען, טיי האָט מען ווידער געטרונקען, און ר׳ ליפּע איז אַוועקגעגאַנגען ערגעץ.

דער באַלעבאָס ר׳ אײַזל מיט זײַן ווײַב, מיט דעם משרת דער־צו, זײַנען צו מיר אַרײַנגעקומען מיך עפּעס צו בעטן. איך וויל אײַך ניט אויף ליטוויש נאָכמאַכן זייערע רייד מיט זייערע העוויות און דערצייל אײַך אויף אונדזער לשון. וואָס בעטן זיי מיך?

— באשר דער גרויסער פּאָדראַטשיק ר׳ ליפּע האָט בײַ זיך אַ בינדאַליק, דאָס הייסט, אַ שטערן־טיכל בײַ אונדז, פֿון זייער גרויסע פּערל, וויל ער דווקא צען טויזנט רובל פֿאַרן בינדאַליק. איך, אײַזל, וויל פֿון מײַן ווײַבס וועגן קויפֿן דעם בינדאַליק, וויל איך אים געבן דרײַ טויזנט אַסיגנאַציעס מזומן תּיכּף. איצט וויל צאָלן די קרעמערס, וואָס ר׳ ליפּע איז זיי שולדיק אַ דרײַ הונדערט רובל; פֿאַר סטאַנציע, היי און האָבער די פֿערד און פֿאַר קעסט אים און זײַן משרת און זײַן באַלעגאָלע פֿיר וואָכן; די פֿינפֿטע וועט מיר אויך קומען אַקעגן דרײַ הונדערט רובל אויף דעם איבעריקן וויל איך אים געבן אַ שטר־חוב אויף זעקס חדשים צײַט. בײַ אַזאַ גרויסן פּאָדראַטשיק איז עס גרינג צו וואַרטן, ביז איך וועל אַרויסנעמען געלט, וואָס איך האַלט אַזאַ פּאָסטסטאַנציע מיט פֿערציק פֿערד. הײַנט איז מיר אַ ביסל ענגלעך, קאָן איך מער קיין מזומן ניט געבן. מיר זעען דאָך, אַז ער איז אײַך נוהג־כּבֿוד און האָט אײַך אַרײַנגענומען אין זײַן שטוב אַרײַן, בעט איר אים, ער זאָל די טובֿה טאָן, וועט איר האָבן אַ מצווה.

דער משרת זאָגט זײַן בקשה:

— ר׳ ליפּע האָט מיך ערשט הי צוגענומען און דערווײַל האָב איך אים הונדערט רובל מײַנע געגעבן, ווײַל ער האָט געזאָגט: נאָר אויף אַ פּאָר טעג. אַצינדערט באַדאַרף איך מײַן ווײַב אַהיימשיקן קיין קיִעוו דאָס געלט. יאָ, איך פֿאָר מיט אים ווײַטער, נאָר דעם ווײַב מוז מען שיקן, זי זאָל ניט שטאַרבן פֿאַר הונגער. אמת, ער גיט מיר אַ גרויסע זשאַלעוואַניע פֿופֿציק רובל אַ חודש. נאָר דאָס ווײַב, דאָס ווײַב דאַרף דערווײַל. אַז איר זאָלט אים אײַנריידן, ער זאָל זיי פֿאַר־קויפֿן דעם בינדאַליק, וואָלט ער געהאַט געלט, מיר די הונדערט רובל צו געבן.

— און די פֿערד? — פֿרעג איך דעם משרת.

ענטפֿערט ער מיר:

— די פֿערד זײַנען אַ באַלעגאָלעס. דעם האָט ר׳ ליפּע געדונגען. די פֿערד עסן האָבער אויף זײַן חשבון, און דער באַלעגאָלע נעמט פֿאַר שטיין אַ וואָך פֿינף און צוואַנציק רובל, און פֿאָרן פֿאָרן אַ וואָך — אין בײַטל אַרײַן זעכציק רובל. שוין דרײַ וואָכן שטייט דער באַלעגאָלע דאָ. די פֿרעסט זײַנען זייער גרויס.

איך האָב צוגעזאָגט צו ריידן מיט ר׳ ליפּען דערפֿון.

דערווײַל בין איך דאָ געוווּיר געוואָרן, אַז ר׳ ליפּע האָט פֿאַר טויזנט רענדלעך אַ שטערן־טיכל בײַ זיך צום פֿאַרקויפֿן, איז ער דאָך, אַ פּנים, אַן עושר. אַז דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע זאָגן: „צען טויזנט רובל איז דער בינדאַליק פֿון גרויסע פּערל ווערט", מוזן זיי דאָך האָבן אַ מבֿין געוויזן, אָדער זיי זײַנען אַליין מבֿינים. דער עולם זאָגט אַ שפּריכוואָרט: בעסער צען שלעסער אײדער איין דלות. אָבי דו, ר׳ ליפּע, האָסט אַ זאַך פֿון צען טויזנט רובל, דאָס הייסט טויזנט רענדלעך, ביסטו, מן הסתּם, אַן עושר.

"Five hundred rubles cash, five hundred rubles for the shopkeepers, five hundred rubles for room and board—oh how funny, I forget the overcoat, one hundred rubles for a new overcoat. That makes sixteen hundred rubles, write it down. With the condition that if Lippe Levit doesn't send us the money from Nezvizh, then the headband becomes our property at that price. Please write it down, long may you live."

I wrote it all down and handed them the document.

"Wonderful, long may you live!" the landlord and his wife said to me.

I assumed that Lippe was giving them the headband as collateral. And you would all have assumed the same thing, wouldn't you?

I was even more horror-struck than when I'd seen the naked old Russian women. They were leaving the headband with Lippe, long may he live. The document was enough. "A fine safeguard," I thought to myself.

Very early the next morning, we boarded the fine sleigh with the three good horses and drove off to Nezvizh.

En route, Lippe spent money like water, which is what they say about those spendthrifts, the old-time contractors. Lippe also played cards if he found a willing group, even at an inn; he would spend two days in a shtetl if there was a group of card-players.

We arrived in Nezvizh. Lippe asked me to come with him to Leyzer Dilon's wife to find out about his partner's dealings. She ought to know.

Leyzer Dilon, as I found out in Nezvizh, and Zundl Sonnenberg, a man from Grodno, had become deputies for all the Jewish communities to Tsar Alexander's headquarters. (The story of their experiences is something I'll tell you another time. It's worth writing a whole book about them. And sooner or later, it will be written.)

Lippe and I entered Leyzer Dilon's home, and he said to Dilon's wife:

"Have you received any letters from Leyzer? You should have gotten money and letters from him long ago concerning our partnership. The cold weather kept me in one town for several weeks. My partner must have thought I froze to death somewhere or other, perhaps he took over my share, hahaha. . . . But I'm alive, Lippe Levit is alive and has come to settle accounts. Meanwhile, I need a few thousand rubles for expenses. . . ."

Leyzer Dilon's wife had never seen Lippe or known anything about him. She ordered her servant to bring in some coffee, as is fitting and proper when such a rich woman has guests, especially when one is her husband's partner. But she did not give him any money.

"I'm only a woman," she said. "I don't meddle in my husband's business dealings. I have my own drapery business here, and I take care of it myself. Please don't be offended, but I can't give you any money on my husband's account."

Naturally, that was all we went away with. That is to say, coffee and good words, but no money.

In my heart, I could and had to believe that Lippe was Dilon's partner, and the proof was that he had even told Dilon's wife the very same thing.

But meanwhile, Lippe didn't have a kopek for further travel expenses. I began feeling nervous, because my hundred rubles were also spent.

The next day, Lippe came with a new driver named Zisl, a man from Nezvizh. He was well off, and his wagon had four horses. Since the frost had let up quite a bit, said Lippe, he preferred going on with a wagon rather than a sleigh.

Lippe hired Zisl the drayman for fifteen silver rubles a week in cash, plus expenses for him and the horses. That would add up to quite a bit for Lippe, but. . . .

— מזומן פינף הונדערט רובל, די לאָוועצניקעס פינף הונדערט רובל, פאַר די הויצאָעש פינף הונדערט... אוי, אַ פּלעזיר[100]! די סינעל האָב איך פאַרגעשן... אַ נײַע סינעל, הונדערט רובל... סרײַבט זעכצן הונדערט רובל, מיט על־מנת, אַז ר׳ ליפּע וועט אונדז פון נעסוויז ניט סיקן די געלט, איז די בינדאַליק פאַרקויפט אויף דעם מקח, ווי די מקח איז. סרײַבט, לעבן זאָלט איר...

איך האָב געשריבן און פאַרגעלייענט דאָס געשריבענע.

— ווויל, לעבן זאָלט איר! — האָט דער מאַן מיט דעם ווײַב מיר געזאָגט.

געמיינט האָב איך, אַז ר׳ ליפּע גיט זיי דאָס שטערן־טיכל במשכּון. איאָ, איר אַלע וואָלט אויך אַזוי געמיינט?

איך בין נאָך ערגער דערשראָקן געוואָרן ווי פון די נאַקעטע אַלטע קאַצאַפּקעס. די בינדאַליק לאָזט מען בײַ ר׳ ליפּע, זאָל לעבן, די כּתבֿעלע איז גענוג. „זייער גוט באַוואָרנט" — טראַכט איך בײַ מיר.

דעם אַנדערן טאָג גאַנץ פרי זײַנען מיר מיט דעם ווילן שליטן מיט גוטע דרײַ פערד אַוועקגעפאָרן אויף דעם וועג קיין נעסוויזש.

אויפן וועג שיט ר׳ ליפּע מיט געלט, אַקוראַט ווי מען דערציילט פון די אַלטע פאַרברענגערס, פּאָדראַטשיקעס פון פאַרצײַטן. ר׳ ליפּע שפּילט אין קאָרטן אויך, אַבי עס טרעפט זיך ערגעץ אַ קאָמפּאַניע, אין אַ קרעטשמע אַפילו, צוויי טעג אָוועקצושטיין אין אַ שטעטל, ווען עס איז דאָ אַ קאָרטן־חבֿרה.

מיר זײַנען געקומען קיין נעסוויזש. ר׳ ליפּע בעט מיך, איך זאָל מיט אים גיין צו דעם לייזער דילאָנס ווײַב, ער זאָל אַ ידיעה פרעגן מכּוח שותּפֿות־עסקים. זי מוז דאָס אָוודאי וויסן.

דער ר׳ לייזער דילאָן — ווי איך האָב אין נעסוויזש געהערט — מיט נאָך איינעם פון גראָדנע, ר׳ זונדל זאָנענבערג, זײַנען געוואָרן דעפּוטאָטן פון גאָר אַלע ייִדישע קהילות בײַם קייסער אַלעקסאַנדערס הויפּטקוואַרטיר. (די מעשׂה פון זייער דעפּוטאַטסטווע איז אויף אַן אַנדער מאָל אָפּגעלייגט. ס׳איז ווערט דערפון אַ באַזונדער ספֿר צו שרײַבן. מיט דער צײַט וועט עס געשריבן זײַן).

ר׳ ליפּע איז מיט מיר אַרײַנגעקומען צו דעם לייזער דילאָנס ווײַב מיט די ווערטער:

— ר׳ לייזערס ווײַב, האָט איר בריוו פון ר׳ לייזערן? איך וואָלט געדאַרפט שוין לאַנג האָבן פון אים געלט און בריוו מכּוח אונדזערע שותּפֿות־עסקים. איבער די פרעסט האָב איך געמוזט עטלעכע וואָכן שטיין אויף איין אָרט. מײַן שותּף ר׳ לייזער מוז מיינען, איך בין ערגעץ דערפרוירן געוואָרן, מעג ער מײַן חלק זיך צונעמען. כאַ־כאַ־כאַ, איך לעב, ליפּע לעוויט לעבט און פאָרט חשבון אָפּנעמען. דערווײַל וואָלט איך געדאַרפט עטלעכע טויזנט רובל כאַטשע אויף הוצאות...

ר׳ לייזערס ווײַב האָט דעם ר׳ ליפּען קיין מאָל נישט געזען און פון אים נישט געוווּסט. האָט זי דערווײַל געהייסן אַרײַנברענגען קאַווע, ווי בײַ אַזאַ נגידות געשיקט זיך, מכבּד צו זײַן פרעמדע מענטשן, בפֿרט אַז איינער איז איר מאַנס אַ שותּף. זי האָט נאָר קיין געלט ניט געגעבן.

— איך בין — זאָגט זי — אַן אישה, אין מײַן מאַנס פּאָדראַד־עסקים מיש איך מיך ניט. איך האָב הי מײַן געווענטשניט. פּילעווע איך מײַן משׂא־מתּן. איר קאָנט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, אַז איך קאָן אויף מײַן מאַנס חשבון ניט געבן קיין געלט...

פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם זײַנען מיר אַוועקגעגאַנגען. דאָס הייסט, נאָר מיט קאַווע געטרונקען און מיט גוטע רייד, נאָר אָן געלט.

בײַ מיר אין האַרצן האָב איך אָוודאי געקאָנט און געמוזט גלייבן, אַז דער ר׳ ליפּע איז מיט דעם עושר ר׳ לייזער דילאָן אַ שותּף. והאַ־ראיה, ער האָט דאָך אַפילו דעם ר׳ לייזערס ווײַב דאָס אייגענע געזאָגט.

דערווײַל האָט ר׳ ליפּע ניט אַ קאָפּיקע אויף הוצאות מיט וואָס ווײַטער צו פאָרן. איז מיר אויך ניט גוט, מײַן הונדערטער איז דאָך שוין ניטאָ.

דעם אַנדערן טאָג קומט ר׳ ליפּע מיט אַ נײַעם נעסוויזשער באַלעגאָלע צו גיין פון דער גאַס. דער באַלעגאָלע האָט געהייסן זיסל. דער איז אַן עושר און האָט זײַן בויד מיט פיר פערד. ווײַל דער פראָסט האָט אָנגעהויבן שטאַרק אָפּצולאָזן, זאָגט ר׳ ליפּע, ווויל ער בעסער מיט אַ וואָגן, ניט מיט אַ שליטן פאָרן.

דעם זיסל באַלעגאָלע האָט ר׳ ליפּע באַדונגען צו פופצן זילבערנע רובל אים אין בײַטל אַרײַן אַ וואָך. אַחוץ וואָס די פערד און דער באַלעגאָלע וועט קאָסטן — דאָס איז אויף ר׳ ליפּעס חשבון זייער טײַער אַפילו, נאָר...

All at once, Zisl the drayman came dashing up to me with a tearful face, he pulled me into a street, weeping all the while:

"You've slaughtered me, me and my wife and kids, slaughtered me. . . ."

"What's wrong? What are you talking about?" I asked.

Zisl pulled the sealed paper out of his shirt and held it up to me. Weeping, he blurted out:

"Look, just look. These ain't real pearls. They're phony, they're strung together to make them look like a headband . . . to cheat people. . . ."

Zisl tore off a few of the pearls and chewed them up.

"I went to my brother-in-law, Zalman Sakir," Zisl whined, "you know, he's a supplier for the Tsar's kitchen, but he wasn't in his room. He only came back half an hour later and he was laughing, he told me about a man named Lippe Levit, who went to see Leyzer Dilon, but Dilon wouldn't even shake his hand, he gave him two hard slaps with his right hand—two hard slaps. And he screamed furiously: 'You thief! They kicked you out of the Moscow headquarters because you tried to rob Tikhonov the paymaster! You dog! You dared to tell my wife in Nezvizh that we're partners!? My wife wrote me a letter. You scoundrel, you thief! Tikhonov is here. I'm going to tell him that his broker, who tried to rob him, is back again! Hey, Cossacks!' Since he's a deputy for the Jewish communities, he and Zundl Sonnenberg got two Cossacks to accompany them at all times. When he screamed: 'Cossacks, tie up the thief!' they nearly did tie him up. But Lippe was too smart for them, he ran away. That's what my brother-in-law told me and he laughed, he laughed when he told it to me. And I told him that I brought that very same Mr. Lippe here in my wagon and I told him about the thousand rubles I lent him, but I said: 'I've got collateral, a pearl headband.' Zalman opened the paper it was wrapped in. Oh, God help me and my wife and my poor little children! Zalman just laughed out loud: 'Why, these aren't pearls!' he said. 'This is an imitation, these are artificial pearls.' And to test them, he chewed one pearl. So we're gonna wipe him and you out, the two of us, that's why I'm here. Give me my money, you robbers! Why do you want to slaughter me and my wife and kids!"

Can you imagine, gentlemen? I had a bitter taste in my mouth. My blood ran cold.

I thought quickly. I was in terrible danger. For instance, Zalman Sakir and his brother-in-law could go to General Ertel, the police superintendent at army headquarters, and bring charges against two Russian-Polish Jews, me and Lippe. They could say that we had robbed the drayman of a thousand rubles cash plus his salary and expenses, giving him a false headband with false pearls as collateral. Before you could say Jack Robinson, Ertel, that cruel man, would clap me and Lippe in chains, both of us, and send us home in chains to be tried. A fine business for me! I was going to make a killing at army headquarters!

The listeners clicked their tongues:

"That's right. It could have happened. Well, Oxman, what *did* you do? Tell us. We can see that they didn't put you in chains. You must have done something intelligent. You didn't have a thousand rubles in your pocket to give the drayman," they all said.

"No, my friends," replied Oxman. "I barely had enough to cover my expenses. Only my wits helped me."

פלוצעם קומט אויף מיר אָנצולויפֿן מיט אַ פֿאַרוויינט פּנים דער באַלעגאָלע זיסל און טוט מיך אַ צי אין אַ געסל אַרײַן מיט אַ געוויין:

— איר האָט מיך געקוילעט מיט ווײַב און קינדער, געקוילעט...

— וואָס איז? מיט וואָס האָט מען אײַך געקוילעט? — פֿרעג איך.

שלעפּט דער זיסל אַרויס פֿונעם בוזעם דאָס פֿאַרחתמעטע פּאַפּיר, ווו דאָס שטערן־טיכל ר׳ ליפּעס איז געווען אײַנגעוויקלט, און ווײַזט מיר. מיט אַ געוויין רעדט ער:

— נאָט, זעט, ס׳איז דאָך ניט קיין פּערל, ס׳איז פֿון פֿאַלשע פּערל, קלוימערשט געהעפֿט, ווי אַ שטערן־טיכל, אויף אָפּצונאַרן...

ער, זיסל, רײַסט־אָפּ אַ פּאָר פֿון די פֿאַלשע פּערל און צעקײַט זיי.

— איך בין געווען בײַ מײַן שוואָגער זלמן סאַקיר — רעדט דער זיסל מיט אַ וויינענדיק קול — דער וואָס גיט צום קייסערס קיך, האָב איך אים ניט געטראָפֿן אין זײַן קוואַרטיר. ערשט מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער איז ער אָנגעקומען און האָט זייער געלאַכט, דערציילנדיק ווי ער איז געווען דערבײַ, אַז איינער ליפּע לעוויט איז אַרײַנגעקומען צו לייזער דילאָן, האָט ר׳ לייזער אים דערלאַנגט ניט קיין שלום עליכם־האַנט, נאָר טאַקע צוויי גרויסע פּעטש מיט דער רעכטער האַנט. גוטע צוויי פּעטש. מיט גרויס כּעס האָט ר׳ לייזער דילאָן געשריגן: „דו גנבֿ, דו אַרויסגעטריבענער פֿון דער הויפּטקוואַרטיר הינטער מאָסקווע, ווײַל דו האָסט געוואָלט דעם קאַזנאַטשײ, דעם צאַלמײַסטער, דעם קאַסיר טיכאָנאָוו, באַגנבֿענען! דו הונט, האָסט מײַן ווײַב אין נעסוויזש געקאָנט זיך דערוועגן צו זאָגן, דו ביסט מײַן שותּף? מײַן ווײַב שרײַבט מיר אין אַ בריוול. דו, עכּבֿרוש, גנבֿ! טיכאָנאָוו איז דאָ הי, אָט גיי איך זאָגן, אַז זײַן פֿאַקטער, וואָס האָט אים געוואָלט באַגנבֿענען, איז ווידער דאָ. קאָזאַקן!" — האָט ר׳ לייזער אַ געשריי געטאָן. ווײַל ער איז אַ דעפּוטאַט פֿון ייִדישע קהילות, האָט מען אים מיט זונדל זאָנענבערגן געגעבן צוויי קאָזאַקן, זאָלן תּמיד בײַ זיי זײַן. אויף דעם געשריי: „קאָזאַקי, בינדט דעם גנבֿ דערוויַלי!", וואָלט מען דעם ליפּען אַוודאי געווען געבונדן. איז ער קליגער געווען און איז אַנטלאָפֿן געוואָרן, דער ליפּע. אַזוי האָט מײַן שוואָגער דערציילט און געלאַכט, געלאַכט און דערציילט. דערנאָך ערשט האָט ער מיר שלום געגעבן. האָב איך אים צוריק דערציילט, אַז דעם אייגענעם ר׳ ליפּען האָב איך אַהער געבראַכט אויף מײַן בויד, און מכּוח די טויזנט רובל מזומן, וואָס איך האָב אים געגעבן, נאָר איך האָב געזאָגט: „איך האָב אַ משכּון, אַ פּערלדיקן בינדאַליק". האָט זלמן גענומען עפֿענען די פּאַפּירן. אַז ביטער און ווי איז מיר מיט מײַן ווײַב און מיט מײַנע קינדערלעך! מײַן זלמן האָט אַ הויכן לאַך געטאָן: „סטײַטש, דאָס איז דאָך ניט קיין פּערל! דאָס איז אַ פֿאַלשע זאַך, פֿון פֿאַלשע פּערל". און האָט אויף אַ פּרוּוו איין פּערל צעקײַט. אָט לויף איך דאָס אים מיט אײַך אין איינעם עוקר מן השורש צו זײַן. גיט מיר אָפּ מײַן געלט, ראַזבוינִיקעס! פֿאַר וואָס ווילט איר מיך קוילען מיט ווײַב און קינדער?

ווי פֿאַרשטייט איר, רבותים? מיר איז ביטער און זויער געוואָרן אין מויל. קאַלט איז מיר געוואָרן אין אַלע אבֿרים.

איך האָב אין דער געשווינד אַ טראַכט געטאָן. די גרויסע סכּנה וואָס מיר קאָן דאָ אָט, אַקאָרשט מען זעט נישט, ווערן. למשל, דער זלמן סאַקיר זאָל מיט דעם שוואָגער גיין צום יענעראַל ערטעל, דעם איבער־פּאָליציי־מײַסטער בײַ דער הויפּטקוואַרטיר, און זאָל פֿאַרקלאָגן צוויי רוסיש־פּוילישע ייִדן, מיך אין איינעם מיט דעם ליפּען: די צוויי האָבן בײַ זײַן שוואָגער אויסגענאַרט טויזנט רובל מיט פֿורגעלט דערצו און האָבן אים געגעבן אַ משכּון אַ פֿאַלש שטערן־טיכל פֿון פֿאַלשע פּערל... אײדער עפּעס, וואָלט ערטעל, דער אַכזר, מיך אַזוי גוט געקאָוועט אין קייטן, ווי ליפּען, און אונדז בײדע, מיך מיט ליפּען, אָפּגעשיקט געקאָוועטערהייט אַהיים, מען זאָל אונדז משפּטן. אַ שיין עסק פֿאַר מיר, איאָ? אַ גליק געמאַכט בײַ דער הויפּטקוואַרטיר!

האָבן אַלע געסמאַטשקעט מיט די ליפּן:

— טאַקע, טאַקע וואָלט אַזוי געקאָנט זײַן. נו, וואָס האָט איר, אָקסמאַן, געטאָן? זאָגט זשע, מען האָט דאָך, ווי מיר זעען, אײַך ניט געקאָוועט? מן הסתּם האָט איר אײַך עפּעס אַ קלוגע עצה געגעבן. טויזנט רובל דעם זיסלען צו געבן האָט איר ניט געהאַט אין קעשענע — זאָגן אַלע.

— ניין, ברידערלעך! — ענטפֿערט אָקסמאַן — קוים, קוים אויף הוצאות האָב איך געהאַט. נאָר מײַן ביסל שׂכל האָט מיר געדינט.

I instantly asked the drayman:

"What do you want from me, you evil man? You know you're Lippe's drayman, and Lippe was my drayman. Look, I have exactly the same kind of document from him as you do. It says he's supposed to take me right up to the headquarters. But I want to tell you something else—Lippe could argue just the opposite about you, drayman; he could say that you stole his headband with the real pearls and replaced it with a false headband and false pearls. The proof is that you broke all his seals. You know that he's got a document just like yours. Zisl. He'll tell you: 'Scoundrel! Thief! You've stolen my headband, and it's worth ten thousand rubles! . . .' "

The drayman stood there, dazed, thunderstruck.

"Tell me what I can do!" he started pleading.

"Well, since you're talking like a decent man, I'll give you some good advice. You ought to save yourself from this great danger, so that they won't think you're a thief. You can see for yourself that Lippe could send you to Siberia for robbing him of ten thousand rubles. You broke his seals, which is the same as robbing his strongbox. But since I feel sorry for your wife and children, I'll give you some advice. Go home to your horses and wait in the stable while I go to my lodgings from another direction, okay?"

The drayman did as I said. I came to my lodgings and there I found our Mr. Lippe in the worst state imaginable—may it happen to all scoundrels!

He assumed I didn't know how Leyzer Dilon had received him, and I didn't let on what I'd heard. I motioned to Zisl to follow me. Pointing at him, I laughed and asked Lippe amiably:

"What does this scoundrel want anyway? At the very outset, he wants you to give him money and he keeps saying: 'My collateral!' The scoundrel has no manners! Come here, you! Make up your mind! Mr. Lippe, just settle accounts with him, figure out how much you owe him and give him an IOU for a couple of days." I spoke more softly now to Lippe, but I let the drayman overhear me: "And take back the collateral. Why should he hold on to it now that we're at headquarters!"

Lippe was more than willing to take the false trinket off his hands, and the drayman said:

"If that's what Mr. Lippe wants, long may he live, then I can wait four more days. It's not worth it. If he says four days, then that's all right. . . ."

I quickly told him to summon the innkeeper so that he could make out an IOU in German, as is customary in Kalisz.

Lippe made his reckoning and found that he owed the drayman one thousand three hundred and eighty rubles. This was converted into Prussian talers, and an IOU for four days was set up. Our Lippe promptly signed. The German innkeeper and another man signed as witnesses. I deliberately left the room to avoid being present.

אויף דעם שטעל האָב איך דעם באַלעגאָלע צום אַלעם ערשטן געפֿרעגט:

— וואָס ווילסטו, שלעכטער מענטש, האָבן פֿון מיר? דו ווייסט, אַז דו ביסט ליפּעס באַלעגאָלע, און דער ליפּע איז ווידער בײַ מיר גאָר אַ באַלעגאָלע. נאַ, זע, איך האָב פֿון אים אַקוראַט אַזאַ כּתבֿעלע ווי ער מיט דיר, אַז ער מוז מיך צושטעלן ביז צו דער הויפּטקוואַר־טיר. נאָך עפּעס וועל איך דיר זאָגן, אַז דער ר׳ ליפּע וועט קאָנען טענהן גאָר פֿאַרקערט אויף דיר, באַלעגאָלע, אַז דו האָסט זײַן בינ־דאַליק פֿון גוטע פּערל אַוועקגעגנבֿעט און דו האָסט אים איבערגע־ביטן אויף אַ פֿאַלשן בינדאַליק פֿון פֿאַלשע פּערל. והא ראיה, דו האָסט אויפֿגעעפֿנט אַלע זײַנע חתימות. ווייסטו, זיסל, אַז אַקוראַט, ווי דו האָסט אַ כּתבֿל, האָט ער דאָך אַקעגן פֿון דיר אַ כּתבֿל. „הולטײַ, גנבֿ! — וועט דיך ליפּע זאָגן — דו האָסט מײַן שטערן־טיכל פֿון צען טויזנט רובל אַוועקגעגנבֿעט"...

דער באַלעגאָלע איז געבליבן ווי דערשלאָגן שטיין, ווי אָן אַ נשמה.

— גיט מיר עפּעס אַן עצה! — האָט ער אָנגעהויבן מיך צו בעטן.

— יאָ, אַז דו שמועסט ווי אַן ערלעכער מענטש, וועל איך דיר געבן אַ ווילע עצה, דאָס הייסט, די עצה וועט זײַן, דו זאָלסט ניצול ווערן פֿון דער סכּנה, מען זאָל דיך ניט נעמען פֿאַר קיין גנבֿ. דו פֿאַרשטייסט אַליין אַצינדערט, אַז דער ליפּע קאָן דיך אַוועקשיקן קיין סיביר פֿאַר אַ גנבֿה פֿון צען טויזנט רובל. דו האָסט זײַנע חתי־מות געעפֿנט, איז גלײַך ווי איבער זײַן קאַסטן געגאַנגען און גע־גנבֿעט. נאָר ווײַל איך האָב רחמנות אויף דײַן ווײַב און קינדער, וויל איך דיר אַן עצה געבן. גיי דו אַהיים צו דײַנע פֿערד און זיץ אין שטאַל, ביז איך וועל פֿון אַן אַנדער זײַט אויך אָנקומען אַהיים אויף קוואַרטיר, וועט רעכט זײַן.

דער באַלעגאָלע האָט מיך געפֿאָלגט. איך בין געקומען אין מײַן קוואַרטיר אַרײַן, טרעף איך אונדזער ר׳ ליפּען אין אַ מעמד — אויף אַלע דראַבעס געזאָגט געוואָרן!

ער מיינט, איך ווייס ניט פֿון זײַן שלום עליכם בײַ לייזער דילאָן, און איך מאַך מיך אומישנע גלײַך ווי איך ווייס פֿון גאָר נישט. און טו אים מיט אַ געלעכטערל אַ פֿרעג קלאַמפּערשט ווי אַ גוטער פֿרײַנד, מיט אַ טײַט אויף דעם זיסל דעם באַלעגאָלע (ווי איך בין אַהיים געקומען, האָב איך זיסלען אַ ווונק געטאָן, ער זאָל מיר נאָכגיין):

— וואָס וויל דער הולטײַ, דער באַלעגאָלע? שוין די ערשטע שעה, תּיכּף זאָלט איר אים געלט געבן, און זאָגט אַלץ: „מײַן משכּון"! אַזאַ גראָבער־יונג, האָט אַפֿילו קיין דרך־ארץ נישט. קום אַהער, דו ממה־נפֿשך, באַרעכנט אײַך ר׳ ליפּע, מיט אים, וויפֿל אים קומט סך־הכּל, און גיט אים אַ שטר־חובֿ אויף עטלעכע טעג — דערבײַ זאָג איך צו ליפּען שטילער אַ ביסל, נאָר דער באַלעגאָלע זיסל זאָל אויך הערן — און נעמט־אָפּ דעם משכּון. נאָך וואָס זאָל ער האַלטן דעם משכּון, אַז מיר זײַנען שוין אין דער הויפּטקוואַרטיר?

ליפּע איז אוודאי מרוצה געוואָרן אַרויסצוכאַפּן דעם פֿאַלשן פּגר פֿון דעם באַלעגאָלעס הענט, און דער באַלעגאָלע זאָגט אויך:

— אַז ר׳ ליפּע זאָל לעבן, הייסט אַזוי, בין איך מרוצה, לאָז זײַן מיט פֿיר טעג שפּעטער די געלט מיר אַוועקגעבן. ס'איז גיסט כּדאַי. פֿיר טעג, לאָז זײַן פֿיר טעג...

געשווינד האָב איך אים געהייסן אַרײַנרופֿן דעם באַלעבאָס פֿון דעם גאַסטהויז, ער זאָל אויף דײַטשעריש אָנשרײַבן אַ שטר־חובֿ, ווי אין קאַליש איז די מאָדע.

ליפּע האָט צונויפֿגעחשבונט, איז דעם באַלעגאָלע זיסלען געקו־מען סך־הכּל טויזנט מיט דרײַ הונדערט און אַכציק רובל אַסיגנאַציעס. דאָ האָט מען באַרעכנט אויף פּרײַסישע טאַלערס, און אָנגעשריבן אַ שטר־חובֿ אויף פֿיר טעג. אונדזער ליפּע האָט זיך געשווינד גע־חתמעט. דער דײַטש, דער באַלעבאָס, מיט נאָך איינעם האָבן זיך געחתמעט פֿאַר עדות. איך בין אומישנע אַרויסגעגאַנגען ניט צו זײַן דערבײַ.

Both Lippe and the drayman were delighted. Zisl felt as if an angel were playing with him: Lippe was taking back his "crown jewels" and not making any fuss about the appearance of the package. All the seals were broken, but Lippe asked no questions, he didn't even look. Knowing how much trouble he was in, he got rid of the danger of going to Siberia: He grabbed the headband and went over to the oven, where a fire was blazing, he placed the sacrifice on the altar and burnt it to ashes.

And that, my friends, was how my wits got me out of a bad fix. Half an hour later, while Lippe was in his room, I packed up my belongings and moved to a different street, where I lodged with a Jew. When Lippe saw me packing my bags to bring them to a wagon, he asked:

"What's this? Are you leaving?"

And now, as the saying goes, I poured out my bile on him. I gave him two powerful smacks and made it clear to him that I knew all about Leyzer Dilon's slaps and his reasons for the way he received Lippe, and that I had found out about the false headband that very day. I settled my own account with that scoundrel and gave him what he deserved.

That same day, Lippe fled Kalisz on foot. Not because he was worried bout his IOU, but because, as I was told, Leyzer Dilon was looking for him with Cossacks. Lippe had probably heard they were coming after him, and so, as the Polish Jews phrase it, he "made feet."

"Well," said Oxman. "Now I've finished the story of the false headband. So let me go home. I've got to get up early tomorrow morning."

"Good night, good night!" they said to one another, and they all left after thanking Oxman for the long, fine, interesting story.

On the way back, Mikhel said to Oxman:

"I understood the entire story, but a man like me doesn't know there are false pearls that look like real ones."

Oxman laughed:

"Lippe Levit wouldn't get very far in your Nosuchville. That was why he had to buy his false pearls in the boutiques of Berditchev. That's where all the Polish aristocrats go shopping. Here in Breslau the German women also buy false pearls and wear them the way our peasant women wear beads. . . ."

ביידע האָבן געלויכטן. דער באַלעגאָלע זיסל האָט געמיינט, אַ מלאך שפּילט זיך מיט אים, אַז דער ר׳ ליפּע האָט צוגענומען די אַפּותיקא צעוואָרפֿענערהייט און מאַכט נישט קיין שום פּירוש ניט. אַלע חתימות אויפֿגעריסן, און ר׳ ליפּע פֿרעגט ניט און קוקט גאָר ניט. ליפּע, ווי ער האָט ביי זיך געוווּסט די צרה, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט דעם פּגר, פּטור צו ווערן די סכּנה, וואָס ער האָט אוודאי געקאָנט גיין [קיין] סיביר דערפֿאַר, כאַפּט־אַוועק און תיכּף טאַקע געזוכט אַן אָרט, ווו פֿייער ברענט אין דער הרובע, אַרויפֿגעלייגט דעם קרבן אויף דעם מזבח און פֿאַרברענט עד לעפֿר.

אַזוי, ברידערלעך, בין איך דורך אַ ביסל שׂכל ניצול געוואָרן פֿון אַזאַ ביטערער זאַך. נאָר מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער, אַז דער ליפּע איז געבליבן זיצן ביי זיך אין שטיבל, האָב איך מיר מיינע זאַכן איינגעפּאַקט און האָב מיך אַרויסגעצויגן פֿון דער קוואַרטיר גאָר אויף אַן אַנדער גאַס, צו אַ ייִדן. דער ליפּע האָט געזען מיך טרוד אויפֿצופּאַקן מיינע זאַכן אַריבערצופֿירן אויף אַ וועגעלע, טוט ער מיך אַ פֿרעג:

— וואָס איז דאָס, איר פֿאָרט־אַוועק?

דענסטמאָל האָב איך טאַקע, ווי דער עולם זאָגט, מיין שווער האַרץ צו זיין קאָפּ אויסגעלאָזט. צוויי כּפֿול־שמונה־פּעטש האָב איך אים געגעבן און האָב אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך ווייס זיין מעשׂה פֿון ר׳ לייזער דילאָנס פּעטש און פֿאַר וואָס אַפֿילו מען האָט אים אַזוי מכבד געווען, און אַז מכּוח דעם פֿאַלשן שטערן־טיכל בין איך ערשט היינט געוויר געוואָרן. איך האָב מיך נוקם געווען אין דעם הולטיי, ווי ער איז ווערט געווען.

ער, ליפּע, איז נאָך דעם ·אייגענעם טאָג אַנטלאָפֿן געוואָרן צו פֿוס פֿון קאַליש. ניט אַזוי ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דעם וועקסל דעם באַלעגאָלעס; ווי מען האָט מיר דערציילט, האָט ר׳ לייזער דילאָן אים געזוכט מיט קאָזאַקן אויף דער קוואַרטיר. ליפּע האָט מן הסתם געהערט, אַז מען זוכט אים, האָט ער געמאַכט, ווי די פּוילישע ייִדן זאָגן אויף אַנטלויפֿן: „געמאַכט פֿיס״.

— נו, האָב איך אייך געענקט די מעשׂה פֿונעם פֿאַלשן שטערן־טיכל אין גאַנצן. אַצינד מעג איך אַהיימגיין. איך דאַרף פֿרי אויפֿ־צושטיין.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט! — פֿון אַלע זייטן האָט איינער דעם אַנדערן געזאָגט, און מען איז איטלעכער אַהיימגעגאַנגען מיט אַ שיינעם דאַנק אָקסמאַנען פֿאַר די ווילע, לאַנגע, טשיקאַווע מעשׂה.

אויפֿן וועג גייענדיק, פֿרעגט מיכל אָקסמאַנען:

— יאָ, איך האָב פֿאַרשטאַנען די גאַנצע מעשׂה. נאָר אַזאַ ייִדל, ווי איך, ווייס גאָר ניט, אויב עס זיינען דאָ פֿאַלשע פּערל, וואָס זאָלן אַ פּנים האָבן ווי גוטע פּערל...

— כאַ־כאַ־כאַ! — לאַכט אָקסמאַן — אין דיין לויהאַיאַפּאַלי איז ניט גוט פֿאַר אַזאַ ליפּע לעוויט. דעריבער האָט ער אין באַרדיטשעוו געמוזט קויפֿן צווישן די גאַלאַנטעריי־קראָמען. דאָרטן קויפֿן אַלע פּריצים. הי, אין ברעסלע, קויפֿן די דייטשקעס אויך פֿאַלשע פּערל און גייען אָנגעטאָן תּמיד דרינען, ווי די פּאָווערטעס ביי אונדז אין פּאַטשערקעס...

[105] קעסטל, וואַליזע. — [106] פֿאַרהאַלטן געוואָרן.

[107] אַלץ צוזאַמען. — [108] קבלה.

[109] (פּראָנצייזיש) פֿאַרגעניגן.

[110] קליינן.

[111] וואַרשעווער פּירשטנטום (נאָך דער צעטיילונג פֿון פּוילן דורך רוס־לאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך בײַם סוף פֿון 18טן יאָרהונדערט).

## XVII

Since chapter sixteen was too long, chapter seventeen will be very short.

Mikhel had a fine life in Oxman's employ. He had good food and a good salary. Furthermore, the merchants, whose goods he bought for the hospital, always gave him presents—money, a watch, a silk handkerchief. He also learned a little German and he heard so many good things from Oxman and the people who came to see Oxman or whom Oxman visited. Mikhel became experienced in supplying hospitals. Everything succeeded for him. But his luck didn't hold out. All at once, the commissioner general issued a document ordering all the hospitalized soldiers to be moved to the Duchy of Warsaw—to save the Tsar the expense of hospitals. In Breslau, the Tsar had to pay for them himself. But in the Duchy of Warsaw, the ducal treasury would bear the costs.

Oxman terminated his dealings and had to go and find some other kind of business at the military headquarters.

Mikhel didn't want to travel there and so he took six weeks' salary. Oxman also made him a gift of one hundred Prussian talers for his loyalty. In a short time, Mikhel had earned more than one thousand talers for Oxman. So he certainly deserved a bonus.

On the eighteenth of November, 1813, Mikhel took a stagecoach together with a relative of Khlyebov's, who was being sent from the headquarters to Kiev. Khlyebov had asked his relative to take Mikhel back to his home for free.

If we take a quick look, Mikhel was very happy. Within a single year, the former belfer, broker, the little Jew of Nosuchville, had become a mature, responsible, enlightened man, he was dressed like a lord, he had several thousand rubles and a fine watch with a watchchain. And even more: He knew a bit about the contracting business. He had had his own experience in a hospital, and he had heard and seen the dealings of other contractors. So he felt wonderful as he traveled home.

Going by coach, Mikhel very quickly reached Zwohil across the Russian border.

Khlyebov's relative went off to Kiev, and Mikhel continued towards his destination.

## 17

דערפֿאַר, וואָס יענער פּרק זעכצן איז צו לאַנג געווען, דעריבער איז דער פּרק זיבעצן גאָר אַ קורצער.

ווי גוט מיכלען איז געווען בײַ דעם אָקסמאַנען! ער האָט געהאַט גוט צו עסן און גוט געצאָלט זשאַלאָוואַניע. פֿון די סוחרים אין ברעסלע, בײַ די וואָס ער האָט אײַנגעקויפֿט פֿונעם שפּיטאָל וועגן, האָט מיכל אויך געהאַט אַלע מאָל מתּנות, געלט און אַ זייגערל און פֿאַטשיילעס זײַדענע. אַחוץ דעם האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ ביסל דײַטש ריידן, און אַל דאָס גוטס געהערט בײַ אָקסמאַנען און פֿון די מענטשן, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען צו אָקסמאַנען, אָדער וואָס אָקסמאַן האָט מיכלען מיטגענומען, אַז ער איז געגאַנגען צו זיי. אינעם עסק שפּיטאָלן איז מיכל געניט געוואָרן. אַלץ איז פֿאַר מיכלען געווען אַ גליק. נאָר דאָס גליק האָט ניט לאַנג געדויערט. פּלוצעם איז אָנגעקומען פֿון דעם יענעראַל־אינטענדאַנט אַ פּאַפּיר, מען זאָל אַלע קראַנקע סאָלדאַטן אַוועקשיקן פֿון ברעסלע קיין פּוילן אין „קשענסטוואָ וואַרשאַווסקע" — וועלן דעם קייסער ניט קאָסטן די שפּיטאָלן. אין ברעסלע מוז דער קייסער זיי האַלטן פֿאַר זײַן געלט. דאָרטן, אין „קשענסטוואָ וואַרשאַווסקע", וועט די פּוילישע קאַסע צאָלן די פּאַדראַטשיקעס.

אָקסמאַן האָט געענקט דעם עסק און מוז ווײַטער פֿאָרן זוכן אַן אַנדער עסק פֿון זײַנעט וועגן בײַ דער הויפּטקוואַרטיר.

מיכל האָט ניט געוואָלט ווײַטער פֿאָרן זוכן און האָט אָפּגענומען זײַנע שׂכירות פֿאַר אַנדערטהאַלבן חדשים. אַחוץ דעם האָט אים אָקסמאַן געשענקט הונדערט פּרײַסישע טאָלער אַ מתּנה פֿאַר זײַן געטרײַשאַפֿט. מיכל האָט אָקסמאַנען אין דער קורצער צײַט אײַנגעבראַכט מער פֿון טויזנט טאָלער. איז ער דאָך ווערט אַ מתּנה.

פֿינף טעג אין קיסלעוו תּקע"ג, דעם 18טן נאָוועמבער 1813, איז מיכל מיט כליעבאָווס אַ קרובֿ, וואָס איז מיט פּאָטשט געפֿאָרן — פֿון דער הויפּטקוואַרטיר קיין קיִעוו האָט מען אים געשיקט — זייער גוט אויך געפֿאָרן. אָן הוצאות האָט כליעבאָוו אים געהייסן מיטנעמען אַהיים.

אַז מען וויל אַ קוק טאָן פּאָפּראָסטע[112], איז דער מיכל זייער גליקלעך. פֿון אַ בעלפֿער, פֿון אַ פֿאַקטער, אַ לויזהאַיאַפּאָליער ייִדליק, איז ער אין איין יאָר געוואָרן אַ גאַנצער מענטש, אַן אויפֿגעקלערטער מענטש, באַקליידט ווי אַ שׂררה, אַ פּאָר טויזנט רובל געלט האָט ער, אַ זייגערל אַ ווילס, אַ זייגער־קייטעלע דערצו. און נאָך מער: ער ווייסט אַצינד פֿון פּאָדראַד־עסקים. אַ ביסל האָט ער אַליין געהאַט צו טאָן בײַ אַ שפּיטאָל און פֿון פּערעוואָזקעס[113] מיט אַנדערע פּאָדראַדן האָט ער געהערט און געזען. איז אים טאַקע גאַנץ גוט אַהיים צו פֿאָרן.

מיכל איז מיט פּאָטשט געפֿאָרן, זייער גיך אָנגעקומען קיין זוואָהיל (נאָווגאָראָד־וואָלינסק הייסט דאָס שטעטל אויף רוסיש), אַריבער די רוסישע גרענעץ.

דאָ איז כליעבאָווס קרובֿ אַוועקגעפֿאָרן קיין קיִעוו און מיכל האָט זיך גענומען זײַן וועג ווײַטער צו פֿאָרן, וווּהין ער האָט געדאַרפֿט.

112 פּראָסט, אָן קונצן.

113 אַריבערפֿירן איבערן טײַך.

has many guests from other towns. The Sabbath of Hanukkah comes soon after Rosh Hashanah, and there are few visitors except for tenant farmers who have to discuss their leases with the landowners before the Christian New Year. One landowner wants to raise the rent, another wants a new tenant. So the Hassidic farmers go and consult the rebbe about these and other crucial matters. A woman and her son-in-law ask the rebbe to settle some conflict between them, or a tenant farmer arranges a match with a follower of the rebbe—none of these problems can be resolved without the rebbe. These guests come on the Sabbath of Hanukkah. But the rebbe certainly loses no money entertaining. On the contrary, he earns rubles on these occasions too.

On the Sabbath of Hanukkah, who should come to the Rebbe of Mezhbezh but Dovid Smik and his wife Braine-Dobrish and their son-in-law Zainvil. The three of them had donated two hundred rubles on the eve of Sabbath because they wanted Zainvil to remarry after all. He was a young man, and Tevye Bilenkis was offering him a match, Gabriel Gittels' daughter. Gabriel Gittels and Tevye Bilenkis were visiting the tsaddik to see whether Gabriel Gittels should allow his daughter to marry Zainvil and spend the rest of her days in that family so that Zainvil's son and their future children would think that she was Zainvil's first wife Beyltse. Gabriel Gittels had to promise the rebbe that he would never say: "I want my daughter and my son-in-law with me in Nosuchville."

It worked. The rebbe told Gabriel Gittels to make his promise, but he also wanted Dovid Smik to promise (otherwise no one would have paid any attention to that silent man, and Braine-Dobrish couldn't promise anything because, for goodnesh' shake, she was a woman—Lord help us) that the children to come would share the inheritance equally with Beyltse's son. Dovid Smik promised. And the documents were accordingly drawn up. Gabriel Gittels gave the rebbe fifty rubles, and Velvele the Expert got a gold ducat for writing out the documents.

Another couple from Nosuchville came to see the rebbe: Aaron the Beadle and his wife Sarah. You see, after Beyltse's death, as you recall, Sarah had attacked Zainvil (who was the grandson of the Preacher of Ostro, after all) and Aaron had helped her. Furthermore, Sarah had said horrible things about the rebbe all over town. And so, during Sukkoth, the community elders had a meeting and decided to fire Aaron. Even though Aaron and his wife drove out to Nimyevke and made up with Zainvil, the elders nevertheless threw Aaron out of the beadle's apartment and planned to take Shloyme Beshekhes, the poor heder teacher, instead. The only thing that Aaron and Sarah could do was go to Mezhbezh on the Sabbath of Hanukkah, especially since Tevye Bilenkis, the community elder, had also gone there. They wanted to ask the tsaddik to make Tevye rehire his bes-medresh beadle.

Now Aaron wouldn't have gotten anywhere, because Bilenkis not only told the tsaddik what Sarah had screamed about him in the streets of Nosuchville, but he also added a few insults. Luckily for Aaron and Sarah, Zainvil was also there, and he asked the rebbe to help the beadle. Tevye had to go along with Zainvil because he wanted to get his large matchmaking fee from him.

It worked. The tsaddik said: "Aaron regrets what he has done. Besides, the Good Lord has punished Sarah, her daughter has vanished." (Oh, that was earlier, you say? Well, in such cases, our Hassidim speak of the "rebbe's eye"!) He told Tevye to rehire Aaron, and Tevye agreed. Aaron was beadle again, but the community elders mustn't go thirsty, so Aaron would have to treat them to a pail of mead when he got home.

On the eve of the Sabbath of Hanukkah, Aaron and Sarah were overjoyed by Tevye's promise, but they remained in Mezhbezh for the Sabbath. They would go home on Sunday, God willing, and head straight back to their apartment in the bes-medresh as before.

א חסידישן רבין פֿיל אורחים. שבת חנוכּה איז דאָך גאָר ניט לאַנג נאָך ראש־השנה, איז גאָר ווייניק אורחים, נאָר סײַדן רענדאַרעס, וואָס פֿאַר נאָוויגאָר האָבן זיי צו טאָן מיט די פּריצים מכּוח זייערע אַרענדעס. איין פּריץ הייסט זיך געבן אַ הוספֿה, אַן אַנדערן וויל עמעצער אויסדינגען די אַרענדע. פֿאַרט מען צום בעל־מופֿת, ער קאָן דערצו העלפֿן. וכדומה געניטיקע זאַכן. אַ שוויגער מיט אַן איידעם פֿאַרלאָזן זיך, דער גוטער־ייִד זאָל צווישן זיי אַ לאַד מאַכן אָדער אַן אַרענדאַר טוט אַ שידוך מיט אַ רבינס חסיד — אַזעלכעס טוט זיך נישט אָן דעם חסידישן גוטן־ייִדן. אַזעלכע אורחים קומען אויף שבת חנוכּה. אָבער דערצו לייגט אָלץ דער רבי, דער גוטער־ייִד, ניט צו. ער מאַכט געלט פֿון אַזעלכע זאַכן אַוודאי אויך.

דעם שבת חנוכּה איז געקומען קיין מעזשבעזש, צום צדיק, ר׳ דוד סמיק מיט זײַן ווײַב ברײַנע־דאָבריש און דעם איידעם פֿון דער געשטאָרבענער איינציקער טאָכטער. די אַלע דרײַ האָבן ערבֿ שבת אַרײַנגעטראָגן צוואַנציק רענדלעך, ווײַל זיי ווילן, זײַנוועלע זאָל יאָ נעמען אַ ווײַב. ער איז אַ יונגער מאַן, און ר׳ טבֿיה בילענקיס רעדט אים אַ שידוך, ער זאָל נעמען בײַ ר׳ גבֿריאל גיטעלעס אַ מיידל. איז דאָ געקומען דער ר׳ גבֿריאל גיטעלעס מיט טבֿיה בילענקיס אויך צום צדיק, ער זאָל מאַכן, אַז ר׳ גבֿריאל זאָל מרוצה ווערן, זײַן קינד, זײַן טעכטערל, זאָל אויף תּמיד זײַן אין נימיעוועקע בײַ ברײַנע־דאָברישן אויף אייביקע קעסט, כּדי ביילצעס ייִנגעלע און די קינדער וואָס זײַנוועלע וועט האָבן מיטן אַנדערן ווײַב, ר׳ גבֿריאלס טאָכטער, זאָלן אַרום זיי זײַן, וועט זיי זיך דאַכטן, ס׳איז ביילצע. ר׳ גבֿריאל גיטעלעס זאָל דעם צדיק געבן תּקיעת־כּף, אַז ער וועט קיין מאָל ניט זאָגן: „איך וויל מײַן טאָכטער מיט מײַן איידעם זאָלן בײַ מיר אין לויהאָיאַפּאָלי זײַן".

געפּועלט. דער צדיק הייסט, גיט ר׳ גבֿריאל גיטעלעס תּקיעת־כּף, נאָר דער ר׳ דוד סמיק זאָל אויך געבן תּקיעת־כּף — זיסט וואָלט מען דעם שווײַגנדיקן דוד סמיק גאָר ניט אין אַכט גענומען, אויף תּקיעת־כּף צו געבן טויג ברײַנע־דאָבריש ניט, ווײַל זי איז, צאַנצילאַמיש, חלילה, אַן אישה — אַז די קינדער, וואָס וועלן זײַן, זאָלן זײַן גלײַכע יורשים ווי יענץ ייִנגעלע פֿון ביילצען. דאָס אויך געפּועלט און אַפֿילו און חוץ דעם תּקיעת־כּף האָט מען געמאַכט כּתבֿים דערויף. ר׳ גבֿריאל גיטעלעס האָט דעם רבין אויך אַ פֿופֿציקער געגעבן, און וועלוועלע בריה האָט גענומען אַ רויט רענדל פֿאַרן שרײַבן.

נאָך אַ פּאָרפֿאָלק זײַנען געקומען פֿון לויהאָיאַפּאָלי אַהער: אהרן בית־מדרש־שמש מיט זײַן ווײַב שׂרהן. באַשר זי, שׂרה, איז אַנגעפֿאַלן דעם אָסטרער מגידס איניקל, זײַנוועלען, און אהרן האָט אויך אונטערגעהאָלפֿן דעם זײַנוועלען מבֿייש צו זײַן — דעמסטמאָל, ווען ביילצע איז געשטאָרבן — דערצו האָט זי, שׂרה, איבער דער גאַנצער שטאָט גערעדט אויפֿן צדיק, איז לויהאָיאַפּאָליער קהל חול־המועד־סוכּות געזעסן און האָבן געמאַכט אַ פּסק: מען זאָל אהרנען אָפּזאָגן פֿון שמשות. כאָטש אהרן מיטן ווײַב זײַנען אַרויסגעפֿאָרן קיין נימיעוועקע און האָבן איבערגעבעטן דעם זײַנוועלע, האָט קהל פֿאַרט אהרנען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שמש־שטיבל און געוואָלט אָננעמען שלמה בעשעכעס, דעם דרדקי־מלמד, דעם קבצן, פֿאַר אַ בית־מדרש־שמש. איז קיין אַנדער עצה ניט געווען, נאָר אהרן מיטן ווײַב זאָלן פֿאָרן קיין מעזשבעזש אויף שבת חנוכּה. בפֿרט דער פּרנס־חודש ר׳ טבֿיה בילענקיס איז אַצינדערט אויך דאָרטן. זאָל מען בעטן דעם צדיק, ער זאָל אָנזאָגן דעם ר׳ טבֿיהן, מען זאָל אהרנען ווידער לאָזן זײַן בית־מדרש־שמש.

אהרן וואָלט ניט געפּועלט, ווײַל טבֿיה בילענקיס האָט נאָך צוגעלייגט עטלעכע שלעכטע ווערטער פֿאַרן צדיק צו די ווערטער, וואָס שׂרה האָט געשריגן אויף דער גאַס אין לויהאָיאַפּאָלי. זייער גליק איז געווען, וואָס זײַנוועלע איז דאָ געווען, האָט ער געבעטן דעם צדיק, און ר׳ טבֿיה האָט אויך געמוזט זײַנוועלען צוליב טאָן, ווײַל ער דאַרף דאָ נעמען דאָס גרויסע שדכנות־געלט בײַ אים.

געפּועלט. דער צדיק האָט געזאָגט: ער איז מוחל. דערצו האָט זי דאָך קודשא בריך הוא געשטראָפֿט. דערפֿאַר איז איר שיינצע פֿאַרלוירן געוואָרן (אײַ, דאָס איז פֿריִער געווען? אַזעלכע זאַכן הייסן בײַ אונדזערע חסידים „דעם רבינס קוק!"). הייסט ער ר׳ טבֿיהן, און ר׳ טבֿיה זאָגט־צו. אהרן איז ווידער שמש, נאָר קהל זאָל ניט דאָרשטיק זײַן, זאָל ער אין דער היים שטעלן אַן עמער מעד.

אהרן מיטן ווײַב שׂרה זײַנען ערבֿ שבת חנוכּה דערפֿרייט געוואָרן מיט ר׳ טבֿיהס הבֿטחה, נאָר זיי זײַנען געבליבן שבת האַלטן אין מעזשבעזש. זונטיק אם־ירצה־השם, פֿאָרן זיי אַהיים, און גלײַך צום בית־מדרש אויף זייער אָרט, כּבֿראשונה.

Mezhbezh was truly a large town. Mezhbezh had a madman, not a native, but he'd been there for three years, so he was known as the Madman of Mezhbezh: People called him Obadiah the Madman. How he ever got here in the first place—nobody knew. He never spoke to anyone and kept to himself all day in some vacant house. But as soon as night fell, he ran around with a long stick and a broken pail, shouting:

"I, Obadiah, shout: Watch out for fire! Save yourselves!"

Suddenly, he would dash into a house, screaming and snuffing all the candles. And he even threw water on the fire in the stove. He worked so fast, in an instant. No sooner did the people look around than wow!, he was done and gone, like lightning. Sometimes, if he spotted a crust of bread on a table or stove, he grabbed it. He probably lived on these chance finds. In both winter and summer, he wore a fur coat with a piece of rope as a belt, a fur cap with lappets on his head, and old, worn-out shoes on his feet. Such were his clothes. The clothes he always ran around in. Pious wives, feeling sorry for him, would grab Obadiah the Madman, yank him indoors, and put a new shirt on him or a pair of new shoes. He would remain silent as they dressed him, never replying to all the things they said to him, and then off he scurried, shouting:

"I, Obadiah, shout: Watch out for fire! Save yourselves!"

Obadiah would do the same thing on Friday evening, he would dash into a home, put out the Sabbath candles, and grab a few handfuls of challah, shouting all the while: "Watch out for fire! Save yourselves!" And then scurry off. That was why Jews drew the chains on their front doors every Friday evening: "Here comes Obadiah!"

In the rebbe's house, however, there was no chain on the door because out-of-town guests went in and out. So one man was usually stationed outside to keep Obadiah the Madman at bay. But it didn't always work. Obadiah might suddenly dash into the house and snuff all the Sabbath candles. The Hassidim remained in the dark until someone brought an old peasant woman to light the candles again, since Jews cannot perform any work on the Sabbath. There was a standing joke in town: If someone accidentally put out a candle, someone else would say: "Aha! You're Obadiah the Madman!"

Hassidim in Mezhbezh and elsewhere kept talking so much about Obadiah the Madman because the tsaddik had explained that Obadiah was the reincarnation of a great Rationalist of long ago, whose Rationalism had driven him to burn up a copy of the holy *Zohar*. His divine punishment was to return to earth as Obadiah the Madman. And that was why he ran around, snuffing all the candles. Some of the rebbe's intimates whispered that the rebbe had actually confided in them what Obadiah's name had really been, who the soul was, what great Rationalist the soul had belonged to. The name was murmured only in secret (it was an open secret, but when Hassidim whisper something and make a mysterious gesture and scratch their heads: "Why bother saying it aloud?"—that's what Hassidim call a secret). They said it was the soul of Yankev Emdin. That's what Hassidim call a miracle. Because for the gullible, everything that the rebbe says is Truth. If the rebbe says that he heard what the feather duster told the broom last night, they take it for sheer gospel. They may be smart, very smart, but they give in to this fancy, which turns their minds upside down. And it all makes sense to them; in fact, anybody who doesn't believe it is crazy or evil, a heretic.

In Mezhbezh, there was an *agunah* (an abandoned wife), named Pini, who kept a stand in the marketplace. She sold boiled



מעזשבעזש איז טאַקע אַ גרויסע שטאָט. אין מעזשבעזש איז דאָ אַ משוגענער, אַ ייִד פֿון דער פֿרעמד, נאָר ער איז שוין דאָס דריטע יאָר אין מעזשבעזש, הייסט ער אַ מעזשבעזשער משוגענער. מען רופֿט אים עובֿדיה דער משוגענער. ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען צו פֿאָרן, צי געגאַנגען, ווייסט מען נישט. ער אַליין רעדט מיט קיינעם ניט און באַהאַלט זיך אַ גאַנצן טאָג ערגעץ אין אַ פּוסטער שטוב, נאָר אַז עס ווערט נאַכט, לויפֿט ער אַרום מיט אַ הויכן שטעקן און מיט אַ צעבראָכענעם עמער און שרייַט אויף דער גאַנצער שטאָט:

— איך, עובֿדיה, שרייַ: סטראָזשי אָגני[120]! ראַטעוועט אייַך!...

אַזוי לויפֿט ער פּלוצעם אין אַ שטוב אַרייַן מיט דעם געשריי און פֿאַרלעשט אַלע ליכט. אַפֿילו דאָס פֿייַער אין אויוון פֿאַרגיסט ער מיט וואַסער. דאָס טוט ער אַזוי גיך, אַזוי אין איין אויגנבליק, אַז אַקאָרשט מען קוקט זיך אום אַהאַ, ער האָט שוין אָפּגעטאָן זייַן זאַך און אַנטלויפֿט שוין שטילערהייט ווי אַ פֿייַל פֿון אַ בויגן. צו מאָל, אַז ער באַגעגנט אויף אַ טיש אָדער אויפֿן אויוון אַ שטיק ברויט, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן. דערפֿון האָט ער געלעבט, מן הסתם. ווינטער און זומער איז ער נאָר אין אַ פּעלצל, צוגעגאַרטלט מיט אַ שטריקל און אַ לאַפּן־מיצל. אויפֿן קאָפּ, צעריסענע שקראַבעס אויף די פֿיס. דאָס איז געווען זייַן אָנטאָן, אין דעם איז ער אַרומגעלאָפֿן. פֿרומע ווייַבער פֿלעגן מחמת רחמנות, דעם משוגענעם עובֿדיה אַרייַנכאַפּן מיט געוואַלט, אָנטאָן אַ העמד אַ נייַס און אַ פּאָר נייַע שיך. ער האָט געשוויגן בשעת מען האָט אים אָנגעטאָן, ניט אַ וואָרט האָט ער געענטפֿערט אויף אַלע ווערטער, וואָס מען האָט צו אים גערעדט, און איז ווייַטער געלאָפֿן שרייַען:

— איך, עובֿדיה שרייַ: סטראָזשי אָגני, ראַטעוועט אייַך...

דאָס אייגענע פֿלעגט עובֿדיה פֿרייַטיק־צו־נאַכטס אויך טאָן, אַרייַנלויפֿן און פֿאַרלעשן די בענטשליכט, מיט אַ פּאָר קוילעטשן חלה פֿונעם טיש אַוועקכאַפּן, מיט דעם אייגענעם געשריי: „סטראָזשי אָגני, ראַטעוועט אייַך!" אַנטלויפֿן. מען האָט שוין דעריבער אומעטום צוגעקייטלט פֿרייטיק־צו־נאַכטס די טירן: „אָט לויפֿט עובֿדיה!"...

בייַם צדיק האָט מען דאָך ניט געקאָנט צוקייטלען די טיר, ווייַל פֿרעמדע אורחים זייַנען אַרויס־ און אַרייַנגעגאַנגען. פֿלעגט מען אַרמישנע אייַנעם אָנידערשטעלן דרויסן, ער זאָל דעם משוגענעם עובֿדיה ניט אַרייַנלאָזן. פֿאָרט האָט מען ניט תּמיד געקאָנט אייַנהיטן. פּלוצעם האָט געקאָנט עובֿדיה אַרייַנלויפֿן צום צדיק און אַ פֿאַרלעש טאָן אַלע שבת־ליכט. איז מען געבליבן זיצן אין דער פֿינצטער, ביז מען האָט געבראַכט די אַלטע באַביצע, זי זאָל ווידער די ליכט אָנצינדן. אין שטאָט איז געווען אַ ווערטל: אַז עמעצער האָט אומגערן פֿאַרלאָשן אַ ליכט, האָט מען געזאָגט: „אַהאַ, דו ביסט שוין עובֿדיה!"

פֿאַר וואָס מען האָט בייַ חסידים אין מעזשבעזש און אומעטום צווישן חסידים שטאַרק געשמועסט פֿון דעם משוגענעם עובֿדיה, איז נאָר געווען, ווייַל דער צדיק האָט געזאָגט, אַז אין דעם עובֿדיהן איז בבֿחינת גלגול אַרייַן אַ נשמה פֿון אַ גרויסן מתנגד פֿון פֿאַרצייַטן, וואָס מחמת מתנגדות האָט ער פֿאַרברענט דעם זוהר הקדוש. איז אויבן זייַן עונש געווען, ער זאָל מגולגל ווערן אין דעם משוגענעם אַרייַן. דעריבער לויפֿט ער אַרום און פֿאַרלעשט אַלע ליכט. אַ טייל מקורבֿים בייַם צדיק האָבן זיך געשושקעט, אַז בסוד האָט זיי דער צדיק אַפֿילו אויסגעזאָגט, ווי ער הייסט דער עובֿדיה, ווער די נשמה איז, פֿון וועלכן גרויסן מתנגד. דעם נאָמען האָט מען אַרויסגעזאָגט נאָר בסוד שטילערהייט, (אַלע האָבן געוווּסט פֿון דעם סוד נאָר מיט דעם שטילערהייט אַרויסזאָגן און אַ מאַך טאָן, מיט אַ קראַץ: וואָס טויג אים הויך צו זאָגן? דאָס הייסט בייַ חסידים בסוד געהאַלטן אַ זאַך), אַז ס'איז ר' יעקבֿ עמדינס נשמה טאַקע. דאָס הייסט בייַ חסידים אַ מופֿת... ווייַל בייַ פּתאים איז אַלץ, וואָס אַזאַ חסידישער רבי זאָגט, אַוודאי אמת. דער רבי זאָל זאָגן, ער האָט בייַ נאַכט געהערט, וואָס דער פֿלעדערוויש האָט גערעדט מיטן בעזעם, גלייבט מען פֿאַר אמת. קלוג און אַפֿילו זייער קלוג, כאָטש עס איז אַן אייַנריידעניש, וואָס פֿאַרדרייט דעם שׂכל. און אַלץ געשיקט זיך וווּיל, פֿאַרקערט נאָך, דער וואָס גלייבט נישט איז בייַ זיי אַ משוגענער אָדער אַ רשע, אַן אַפּיקורס.

אין מעזשבעזש איז געווען אַן עגונה אויך, די זיצערקע פּיני, וואָס פֿאַרקויפֿט אויפֿן מאַרק אויסגעזאָטענעם אַרבעס, געקאָכטע דאַ־

## THE EVENING OF THE SABBATH OF HANUKKAH, AT THE HOME OF THE REBBE OF MEZHBEZH

After the rebbe had expounded his teachings at the meal ushering out the Sabbath, after the closing ceremony, after the blessing of the Hanukkah candles, after the Hanukkah candles had burnt out, they put the big menorah with the silver clock plus two high silver candleholders with burning candles on the table. The guests went home. After all, everyone had to bless their own Hanukkah candles. Very few people remained with the rebbe.

The rebbe sat at the head of the table. Next to him sat the Holy Land emissary. Behind the table, by the wall, sat one of the rebbe's sons, a young man. (For many years now, the rebbe's wife had been an invalid. Some people said she couldn't move her arms or legs. That's why she's never mentioned here. The poor woman lay in sorrow, while the men lived in pleasure.) The grandsons and their wives sat in the alcove talking to the emissary's assistant. Several Hassidim, close friends of the rebbe, were wandering about the main room.

In walked an old and simple Jew named Peysakh, who owned an inn in Mezhbezh. He was accompanied by a very handsome young man, dressed in fine, rich clothing, the very latest fashion, an expensive coat with an attractive silk belt, and—a lively touch—a black silk "kerchief" around his neck—that was the humorous nickname for a cravat; boots with waxed points, squeaking like crunchy snow when you walk through it; a fine sable hat on his head; a very, very sparse beard and short, curly earlocks; and a red silk handkerchief peering out of the side pocket.

Peysakh walked over to the rebbe like a man in a hurry:

"Rebbe, this is Yekhiel the Contractor." Then, softly, so that not everyone could hear: "A very wealthy man." Then out loud again: "He's staying with me. Ha. How do you like my guests, ha? They asked me to bring them here. Well, ha, that's why I'm an innkeeper, ha? As you know, rebbe, I represent the kosher meat tax, so I have to check out the butcher shops, ha, what do you say, Rebbe, ha?" Then he laughed: "I'm leaving you, my honored guest in good hands here, ha, I am, Mr. Yekhiel, ha? Good night to you!"

And off he went.

During these words, the rebbe had already held out his hand in welcome. Then all the others, even the Holy Land emissary, shook hands with the wealthy newcomer, Yekhiel the Contractor.

Yekhiel didn't wait to be asked to sit. He took a chair and sat down next to the rebbe. Then he stood up again, removed a gold ducat from a lovely pouch, and deposited it on the table in front of the miracle-worker, saying:

"A gold ducat for a whole week is a sign that the week will be golden." He laughed: "And I want you to help me have children. I want to be a father."

The rebbe also laughed:

"You probably know that old biblical saying: 'It is not good that a *coin* should be alone.' "



## שבת־צו־נאַכטס, שבת חנוכה ביים צדיק אין מעזשבעזש

נאָך דער ווילער שלש־סעודות־תּורה, און נאָך אָפּדאַווענען מעריב, און נאָך הבֿדלה, און נאָך אָפּבענטשן חנוכּה־ליכטלעך, אַז די חנוכּה־ליכטלעך האָבן אויסגעברענט, שטעלט מען דאָס זילבערנע גרויסע חנוכּה־לעמפּל, וואָס אין דער מיטן איז אַרײַנגעזעצט אַ זייגערל, אויף דעם טיש, נאָך צוויי זילבערנע לײַכטערס הויכע, מיט ליכט ברענען, אויך אויפֿן טיש. דער עולם איז אַהיימגעגאַנגען. איטלעכער מוז דאָך בײַ זיך בענטשן חנוכּה־ליכטלעך. זײַנען דאָ בײַם גוטן־ייִדן ווייניק מענטשן געבליבן.

ער, דער צדיק, זיצט אויף זײַן אָרט אויבן. לעבן אים זיצט דער ארץ־ישׂראל־משולח אויף זײַן בענקל פֿאַרגט. הינטערן טיש בײַ דער וואַנט, זיצט אויך נאָך איינער פֿונעם צדיקס קינדער, אַ יונגער יונג. (דעם צדיקס ווײַב איז געווען פֿון לאַנגע יאָרן אַ גרויסע חולנית. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז זי האָט ניט געקאָנט רירן ניט מיט קיין האַנט, ניט מיט קיין פֿוס. דעריבער ווערט זי ניט דערמאָנט. זי ליגט, נעבעך, אין ליידן, בשעת דאָ האָט מען געלעבט אין פֿריידן) .די אייניקלעך, די יונגע ווײַבלעך זיצן אין אַלקער און שמועסן מיט דעם באַי פֿונעם ארץ־ישׂראל־משולח. עטלעכע חסידים, היימישע, דרייען זיך אין שטוב אַרום.

קומט־אַרײַן אַ פּראָסטער אַלטער ייִד, פּסח דער ראַטהײַזער, אַ מעזשבעזשער באַלעבאָס, וואָס האָט זײַן אײַנפֿאַרהויז. מיט אים קומט נאָך אַ פֿרעמדער שיינער יונגער מאַן, זייער שיין, רײַך אָנגעטאָן, גאָר מיט דער נײַער מאָדע, אַ פּיאָס־ראַצעמאָרענע קאַפּאָטע, צוגעגאַרטלט מיט אַ וויל זײַדן גאַרטעלע, דערצו נאָך טשאַקנדיק מיט אַ שוואַרץ זײַדן פֿאַטשיילכל צוגעבונדן דאָס העלדזעלע — אַזוי רופֿט מען עס שפּעטנדיק; די שטיוועלעך מיט שפּיצן, געוועקסלטע, וואָס סקריפּען, ווי אויף אַ פֿראָסט, אַז מען גייט אינעם שניי; אין אַ גוט סויבעלן היטל אויפֿן קאָפּ; קוים־קוים שיט זיך אַ בערדל, און קליינע, געגרײַזלטע פּאהלעך, און אַ זײַדן פֿאַטשיילכל, אַ רויטס, שטעקט־אַרויס פֿון דער זײַטן־קעשענע.

ר׳ פּסח דער ראַטהײַזער גייט־צו צום צדיק, ווי איינער וואָס האָט ניט קיין צײַט:

— רבי, דער ר׳ יחיאל דער פּאַדראַטשיק — שטילערהייט, אַלע זאָלן ניט הערן, זאָגט ער — אַ גרויסער עושר — ווידער הויך, — איז מײַן אורח. האָ, ווי געפֿעלן אײַך מײַנע אורחים, האָ? זיי האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיי אָפּפֿירן אַהער. מהיכא־תּיתי, האָ, דערויף בין איך דאָך אַ בעל־אַכסניה, האָ? ווי איר ווייסט, רבי, בין איך אַ נאמן אין דער טאַקסע, האָ, מוז איך אַוועקגיין אין די יאַטקעס אַרײַן, האָ, ווי זאָגט איר, רבי, האָ? — מיט אַ געלעכטערל — איך לאָז אײַך דאָ מײַן חשובֿן אורח, האָ, אין גוטע הענט לאָז איך אײַך, ר׳ יחיאל, האָ? אַ גוטע נאַכט!...

און איז אַוועקגעגאַנגען.

בשעת ר׳ פּסח ראַטהײַזער האָט נאָך געהאַלטן אינעם ריידן, האָט שוין דער גוטער־ייִד אויסגעשטרעקט די האַנט מיט אַ שלום עליכם. דערנאָך האָבן אַלע דערלאַנגט הענט, אַפֿילו דער ארץ־ישׂראל־משולח אויך, און שלום עליכם געגעבן דעם עושר, דעם ר׳ יחיאל פּאַדראַטשיק.

ר׳ יחיאל פּאַדראַטשיק וואַרט ניט, אויב מען וועט אים הייסן זיך זעצן. ער נעמט אַליין אַ בענקל און זעצט זיך נאָענט נעבן גוטן־ייִדן. און שטייט תּיכף אויף פֿונעם בענקל, נעמט־אַרויס פֿון אַ שיין בײַטעלע אַ רויט רענדל און לייגט־אַנידער אויפֿן טיש פֿאַרן בעל־מופֿת מיט די ווערטער:

— אויף דער פֿולער וואָך אַ רענדל איז אַ סימן, אַז עס וועט זײַן אַ גילדענע וואָך... — מיט אַ געלעכטערל — און איר זאָלט מיר העלפֿן צו קינדער, איך וויל קינדער האָבן...

דער גוטער־ייִד זאָגט אויך מיט אַ געלעכטערל:

— איר ווייסט דאָך מן־הסתּם פֿונעם אַלטן גלײַכוווערטל: „לא טובֿ היות אָדום לבֿדו"...

דאָס איז באמת זייער אַ קלוג ווערטעלע: וואָס די דײַטשן רופֿן: אַ וואָרטשפּיל אָדער קאַלאַמבור. אין „בראשית" שטייט, אַז גאָט האָט באַשאַפֿן אָדמען, האָט ער דערנאָך געזאָגט „לא טובֿ היות אָדם לבֿדו" — ס׳איז נישט גענוג איין אָדם זאָל זײַן, און האָט באַשאַפֿן חווהן אויך. „אָדם" איז דער טײַטש: מענטש. ייִדן רופֿן אַ רויט רענדל: „אָדום זהבֿ", ווײַל אדום איז דער טײַטש רויט. זאָגט מען דאָ בײַ דעם איינעם רענדל דאָס אייגענע וואָרט: „לא טובֿ היות אָדום לבֿדו", כּדי מען זאָל צולייגן נאָך אַ רענדל...

All the people in the room did their best to revive the Madman. Velvele the Expert once again showed his expertise. He could revive a person better than anyone else. He went to the kitchen and got a pail of cold water, and he splashed and poured it on Obadiah until he revived him.

How sad and miserable all the Hassids felt, as did Velvele the Expert, and also the rebbe, when the emissary's assistant told his story:

"Three years ago, there was that huge fire in Shargorod, and it spread to our home. Father was always studying at the besmedresh day and night. His nickname in Shargorod was Obadiah the Pious. My mother, may she rest in peace, was a woman of valor, she ran the tavern and the inn. She supported us. At twilight, when the hay in the attic caught fire, my mother, may she rest in peace, died amid the flames, in the vestibule, by the gate. I was pulled out through a window and taken far away, outside the town, where a lot of the people were stranded. My poor father was so absorbed in his holy text that he was one of the last to realize the town was burning. The next day they told me that when he ran over and saw that our home had burnt down and my mother was dead, he assumed that I, his only child, had also perished. The grief drove him mad and he ran away from Shargorod. Until today, no one was able to track down Obadiah the Pious. . . ." He hugged and kissed his silent, gaping father. "Oh, father dear! Come home! Let's both go home. We still have our lot. The landowner gave all the townsfolk free wood to rebuild their houses. And you'll certainly be given wood. And the rich Jews will give you money to live in Shargorod again. They still know what sort of a man you are. And I have some money too, not much, but enough to tide us over till we have a home again. You'll come back with me, won't you, Father?"

Obadiah kissed him as he wept, wept as he kissed him, for several minutes. Then, peering around, he said: "It's winter."

Yekhiel the Contractor took out a gold ducat and gave it to Obadiah:

"Take this for now. And you, young man, come and see me. I'm staying in Peysakh's place. I want to give you a coat and a plain jacket for your father, so that he can go home with you. He won't have to wander through the world anymore as a reincarnation."

Yekhiel had probably heard the Hassidim repeat what the rebbe had said about Obadiah the Madman being the reincarnation of a Rationalist.

די אַלע מענטשן, וואָס זײַנען געווען אין שטוב, האָבן געמינטערט, שטאַרק געמינטערט. וועלוועלע דער בריה האָט דאָ אויך באַוויזן, אַז ער איז אַ בריה: מינטערן קען ער אויך בעסער פֿון אַנדערע. ער האָט געבראַכט פֿון דער קיך אַן עמער מיט קאַלט וואַסער און האָט געשפּריצט און געגאָסן אויף עובֿדיהן און האָט אים דערמינטערט.

ביטער און זויער איז דאָ געווען די אַלע חסידים, וועלוועלע דעם בריה אויך, און דעם גוטן־ייִדן אַוודאי, אַז דער גבאי, דעם ארץ־ישׂראל־משולחס, האָט אָנגעהויבן צו דערציילן:

— פֿאַר דרײַ יאָרן, אַז אין שאַרגאָראָד איז געווען די גרויסע שׂריפֿה, האָט זיך די שׂריפֿה אָנגעהויבן פֿון אונדזער שטוב. דער טאַטע איז געזעסן תּמיד אין בית־מדרש, יומם ולילה געלערנט. דעם טאַטן רופֿט מען אין שאַרגאָראָד: „ר׳ עובֿדיה דער פֿרומער" — נאָר די מאַמע, עליה השלום, איז געווען די אשת־חיל צום שענק און צום אײַנפֿאָר. זי האָט די פּרנסה געגעבן. תּחילת הלילה, אַז פֿונעם בוידעם היי האָט זיך אָנגענומען די שׂריפֿה, איז די מאַמע, עליה השלום, פֿאַרברענט געוואָרן אינעם הויז בײַם טויער. מיך האָט מען אַרויס־געכאַפּט דורך אַ פֿענצטער און מען האָט מיך אַוועקגעפֿירט העט ווײַט הינטער דער שטאָט. דאָרט זײַנען נאָך אַ סך שטאָטלײַט געזעסן. דער טאַטע, נעבעך, איז שפּעטער פֿון אַלע געוווּיר געוואָרן, אַז די שטאָט ברענט, ווײַל ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרטיפֿט אינעם לערנען. ווען ער איז געקומען צו לויפֿן — אַזוי האָט מען מיר דעם אַנדערן טאָג דערציילט — און האָט דערזען, די שטוב איז פֿאַרברענט, די מאַמע איז פֿאַרברענט, האָט ער געמיינט, איך, זײַן בן־יחיד, בין אויך פֿאַרברענט געוואָרן. מחמת צרות איז ער משוגע געוואָרן און איז אַוועק פֿון שאַרגאָראָד. עד־היום האָט קיינער ניט געקאָנט דערפֿרעגן, ווו ר׳ עובֿדיה דער פֿרומער איז אַהינגעקומען... — ער האַלדזט און קושט דעם שווײַגנדיקן, גלאָצנדיקן פֿאָטער — טאַטע־לעבן! פֿאָר אַהיים. אָט וועלן מיר ביידע אַהיימפֿאָרן. אונדזער פּלאַץ איז געבליבן. דער שׂר האָט אַלע שטאָטלײַט אומזיסט געגעבן האָלץ אויף אויסצו־בויען. דיר וועט מען אַוודאי גֶעבן האָלץ. און די נגידים וועלן דיר געבן געלט און רווחים, אַבי דו זאָלסט ווינען אין שאַרגאָראָד. זיי קענען נאָך דיך. עפּעס געלט האָב איך בײַ מיר, אַפֿילו נישט פֿיל, נאָר אויף אָן אָנהייב מיר זאָלן מאַכן, וועט שוין ווערן אַ שטוב. איאָ, טאַטעניו, דו פֿאָרסט מיט מיר?

עובֿדיה קושט און וויינט, וויינט און קושט יאָסעלען עטלעכע מינוטן. דערנאָך זאָגט ער, ווי ער באַקוקט זיך אַרום:

— ס׳איז ווינטער.

ר׳ יחיאל דער פּאַדראַטשיק נעמט־אַרויס אַ רויט רענדל און גיט דעם ר׳ עובֿדיה.

— נאָט אײַך אויף אָן אָנהייב צו שטײַער. און דו, יונגער מאַן, וועסט קומען צו מיר, איך שטיי־אײַן בײַ ר׳ פּסח דעם ראָטהײַזער. איך וועל דיר געבן אַ קאַפּאָטע אַ קיטײַנע און מײַנס אַ פּראָסטן טו־לופּ, פֿונעם טאַטנס וועגן, ער זאָל קאָנען פֿאָרן מיט דיר אַהיים. וועט ער, נעבעך, פֿאַרשפּאָרן מגולגל צו ווערן, אין דער פֿרעמד זיך צו וואַלגערן.

ר׳ יחיאל האָט מן־הסתּם געהערט, וואָס די חסידים האָבן פֿונעם צדיקס וועגן דערציילט, אַז דער משוגענער עובֿדיה איז אַ גילגול פֿון אַ מתנגד...

Throughout the story of Obadiah, the rebbe never stirred once. Perhaps he was confused because his lie was exposed: This was no reincarnation, as he had told all the Hassidim—and Velvele the Expert had heard it from his own lips. Or perhaps because a man who likes to receive hates to give, and in this case, people should have been reaching into their pockets. The rebbe felt it was better to be off in the higher spheres and peruse the kvitls lying before him on the table.

Velvele the Expert sensed that the rebbe would have liked them to take Obadiah far, far away from there. And Velvele realized he would thereby mount greatly in the rebbe's esteem. Which would be very useful to his livelihood. So Velvele said to the emissary's assistant and his father, Obadiah:

"Listen to me. It's not proper to stay here and trouble the rebbe. Just come into the alcove with me and meet the rebbe's grandchildren. They're marvelous. They'll take care of you."

And Velvele pulled the weak old man along, and Yossele followed them. In a flash, the rebbe's room was cleared again: No Obadiah in sight; they were in the alcove. And whatever went on in the alcove—nobody knew.

When Velvele returned, he looked at the rebbe, who was lost in thought. Velvele could tell that the rebbe was delighted with his quick thinking. But the Expert was disturbed at seeing Yekhiel. The rich contractor was scrutinizing everything carefully. Velvele went over to him and spoke softly, with earnest Hassidic grimaces:

"You're a sensible man. You must understand that a Tsaddik of the Generation has to carry the whole world on his shoulders, by God. Does he have the strength to bear all the sorrows of mankind, by God? He drudges, he asks: 'What do people want from me? They won't even allow me to study my holy texts, to serve God. Go to other tsaddiks, there are other rebbes in the world. . . .' As we know, he is the most modest of men. He tells people: 'Go, go! I don't know what you want from me! Why are you all after me? There are great tsaddiks in the world. Go to them!' "

Yekhiel the Contractor burst into loud laughter:

"Hahahaha! When a grinder doesn't want people to bring him knives to sharpen, he doesn't put his grindstone out for all to see. If a man doesn't want to have a lot of rowdy drunken peasants around, he doesn't lease a tavern. If a tailor wants to give up tailoring, he sells his tools and doesn't take measures. I think that if your rebbe wants to be pious and devote himself to the holy texts, then he can take measures to do so—rather than taking money. C'mon, you look like an intelligent man, but you're treating me like a fool. A fool? For God's sake! How can you try to tell me such lies? Go on! I know about the whole swindle!"

No one knows whether the rebbe heard what Yekhiel said. The Holy Land emissary seemed to be mute. Everything that was happening, everything that was spoken was in plain Yiddish after all—which he didn't understand, after all. He turned around only twice, when his assistant was talking to his father. Even fainting, he seemed to think, was in plain Yiddish, so he had made no effort to help revive Obadiah. Moreover, when he saw that the rebbe didn't lift a finger, he felt it wouldn't do for him to lift one either. He sat and just stared and stared at the rebbe. That was the proper thing to do, he felt, for a Jew from Jerusalem.

Velvele didn't care at all for Yekhiel's comments. He was



דער צדיק האט זיך פונעם ארט ניט גערירט ביי דער גאנצער מעשה פון דעם ר' עובדיה. אפשר איז ער פארטומלט, ווייל דער שטימפ[123] פון זיין ליגן, וואס דא האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס איז ניט קיין גילגול, ווי ער האט פירגעזאגט די חסידים — דערצו נאך, דער וועלוועלע דער בריה, דער האט עס פון זיין מויל אליין געהערט. אדער אפשר פשוט, ווייל דער וואס האט ליב צו נעמען האט פיינט צו געבן, און דא וואלט מען אוודאי געדארפט א ריר טאן מיט דער קעשענע. איז בעסער געווען, ווי ער האט ביי זיך געטראכט, ער זאל כלומרשט פארטראגן זיין אין די עולמות, אין אנקוקן די אלע פדיונות־קוויטלעך, וואס ליגן פאר אים אויפן טיש.

דער וועלוועלע, דער בריה, האט זיך געשטויסן, אז דעם גוטן־יידן וואלט זייער ניחא געווען, מען זאל דעם עובדיהן ערגעץ אוועק־פירן פון דאנען. און אזא וועלוועלע פארשטייט, אז דורך דעם קאן ער נאך מער חשוב ווערן ביי דעם רבין. קומט דאך אים דאס צו נוץ צו דער פרנסה. טוט וועלוועלע א זאג צו דעם גבאי פונעם ארץ־ישראל־משולח מיט זיין פאטער, דעם ר' עובדיהן:

— פארשטייט איר מיך, עס געשיקט זיך ניט דא אין שטוב ביים רבין צו דאקוטשען. בעסער קומט מיט מיר אין אלקער אריין צום רבינס אייניקלעך. זיי זיינען דאך דימענטן. זיי וועלן זיך מיט אייך דארטן פארען.

אזוי זאגנדיק, טאסקעט וועלוועלע דעם שלאפן ר' עובדיהן שוין מיט זיך, און דער זון יאסעלע גייט אויך אין איינעם. גיך, געשווינד איז שוין דעם רבינס שטוב ריין: ניטא קיין עובדיה פאר די אויגן, זיי זיינען אין אלקער. וואס אינעם אלקער האט זיך געטאן, ווייסט מען ניט.

אז וועלוועלע איז צוריקגעקומען פונעם אלקער, האט ער א בליק געטאן צום פארטראכטן צדיק. זעט ער, אז דער... האט הנאה פון דעם, וואס ער איז געפאלן אויפן שכל. ביטער איז אבער דעם וועל־וועלען, אז ער זעט דעם ר' יחיאל. דער רייכער פאדראטשיק קוקט מיט שארפע אויגן אויף די אלע זאכן. גייט וועלוועלע צו צו ר' יחיאל דעם פאדראטשיק און רעדט אויף א שטיל לשון, מיט ערנסטע חסי־דישע העוויות:

— איר זייט דאך א בר־שכל. אן עין־הרע, פארשטייט איר דאך, אז אזא צדיק הדור, כ'לעבן, ער טראגט דאך יא אויף זיך די גאנצע וועלט. האט ער כוח אויסצושטיין אלע וועלט־צרות? כ'לעבן, ער טריבבט, ער פרעגט: „וואס וויל מען פון מיר? מען לאזט מיך אפילו ניט לערנען, ניט גאט דינען, גייט אייך צו אנדערע גוטע־יידן, עס זיינען דא אנדערע צדיקים"... ווי מיר ווייסן, איז ער דאך ביי זיך דער קלענסטער פון אלע. זאגט ער צום עולם: „גייט אייך! איך ווייס ניט, וואס איר ווילט פון מיר, וואס האט איר אייך געלייגט אויף מיר? עס זיינען דא גרויסע צדיקים, גייט צו זיי"...

טוט ר' יחיאל דער פאדראטשיק א הויכן לאך:

— כא־כא־כא, אז א שלייפער וויל ניט, אז מען זאל אים טראגן מעסערס צו שלייפן, שטעלט ער ניט ארויס זיין שלייפשטיין מיט דעם רעדל. אז איינער וויל ניט דאס דולעניש פון שיכורע פאווערן, דינגט ער ניט קיין קרעטשמע. אז א שניידער וויל אוועקלייגן דאס שניידעריי, פארקויפט ער שער־און־אייזן און נעמט קיין מאס ניט. איך מיין, באם אייער גוטער־ייד וויל זיין פרום און זיצן און לערנען, לאז ער קיין מעות[124] ניט נעמען. גייט, איר האט א פנים פון א קלוגן יידן און מיך האלט איר פאר א נאר. מיך פאר א נאר צו האלטן? פע! מיר צו מיינען אזעלכע ליגן פירצוזאגן? פע! איך בין א מבין אויף דעם גאנצן שווינדל.

אויב דער גוטער־ייד האט געהערט, וואס ר' יחיאל האט געזאגט, ווייסט מען ניט. דער ארץ־ישראל־משולח איז דאך, ווי עס האט א פנים, ווי א שטומע בהמה. וואס דא טוט זיך און וואס דא ווערט גע־שמועסט און גערעדט, איז דאך אלץ אויף פראסט יידיש — דאס פארשטייט ער דאך ניט. האט ער נאר א צוויי מאל אומגעקערט דאס פנים, בשעת זיין גבאי האט זיך געפארעט מיטן פאטער. אפילו חלשן, מיינט ער, איז אויך אויף פראסט יידיש, דעריבער האט ער ניט גע־מינטערט עובדיהן. דערצו, אז ער זעט, דער רבי רירט זיך ניט, איז פאר אים מן־הסתם אויך קיין כבוד ניט, ער זאל זיך רירן. ער זיצט און קוקט און קוקט נאר אויפן צדיק. „דאס שטייט־אן אן אמתן ירושלמי", מיינט ער.

וועלוועלען זיינען דעם ר' יחיאל פאדראטשיקס ווערטער גאר

confused by this man, who had come to the rebbe with a ducat and who was spending ducats left and right. He had just given Obadiah the Madman a ducat, which meant that he must be very rich. Yet he was making fun of the rebbe and using a harsh word: swindle. If only Pini would come! She was deliberately late. Besides, Velvele knew that Pini was an agunah. He himself had written letters for her to any number of towns where rumors had placed her husband. And just who was Frumma anyway? Velvele simply didn't understand. Meanwhile, Yekhiel the Contractor sat on a chair and scrutinized every detail. . . . "Well," thought Velvele the Expert, "Pini'll be here soon, and we'll see what the guy wants." Velvele was also upset that Yekhiel, the rich man, the contractor, from whom they should have and could have gotten a nice tidy sum, happened to be present during Obadiah's story. Yekhiel had heard that the rebbe considered Obadiah a reincarnation. Was that why he was staring and smiling? Velvele was extremely upset.

Velvele felt even worse—Velvele, the Expert, who was so esteemed by, so close to, the rebbe—when suddenly they heard a scream.

The scream came from the other side of the door, probably from the inkeepers who had arrived in Mezhbezh late Friday evening—there was a woman's voice and a man's voice. They were arguing with the rebbe's adjutants, who allowed no one to enter without paying. The man's voice was plain:

"If I don't have it in my pocket to give him, you won't let us in?"

The woman's voice screamed in anger:

"What?! Is the rebbe an aristocrat or something? A lackey won't let you in to see the landowner. But how can a Jew keep you away from a tsaddik who works miracles?! You should be ashamed of yourself, you should! We've driven eighty miles for his miracles!"

But the adjutant still wouldn't let them in!

"Goddamn it! I'm gonna scream your dirty beard off! Are you a policeman or something, you filthy rat! They kick us out of our job and he—"

The woman's scream and all her words were reeled off in one minute, in a flash, in a single breath, like the names of Haman's ten sons during the reading of the Book of Esther at Purim. Every word was audible inside the house.

The rebbe stirred in his meditation and motioned to Velvele to open the door and let in the screaming woman.

But Velvele the Expert couldn't budge, he was too upset by the woman's screams. Not because he was embarrassed in front of Yekhiel the Contractor—no, there was another reason. We'll hear about that later on.

Since Velvele the Expert didn't budge, another Hassid went and opened the door. In strode a big, broad man wearing a long, quilted jacket of blue nankeen with a striped peasant belt, gross calf-leather shoes, thick felt stockings, and a foxfur cap with lappets. He had never had a beard, but there were two long plaits hanging down over his armpits—those were earlocks. Although in his fifties, he was strong and healthy, as you could tell by his face, an honest-to-goodness innkeeper.

His wife had once been beautiful, she was a tall woman in her thirties, but hard work had taken its toll. She was wearing a tiny headband, worth perhaps two hundred guldens, with a veil but no net; she also had a jacket of the same nankeen as her husband's, lined with white hareskin, an old, red gros-de-Tours bodice, and a trimmed apron. And this innkeeper's wife could scream so loud and talk a blue streak.

ניט געפֿעלן. מבֿולבל איז ער געוואָרן פֿון אַזאַ מענטשן, וואָס איז געקומען צום צדיק מיט אַ רענדל אויף אַ פּדיון און שיט מיט רענדלעך. אָט האָט ער דעם משוגענעם עובֿדיהן אויך געגעבן אַ רענדל, מוז ער דאָך זײַן אַ גרויסער עושר. עפּעס מאַכט ער דאָ חוזק פֿון רבין און זאָגט אַ האַרב וואָרט: „שווינדל". וואָלט כאָטש די פּיני די ציצערקע געקומען! זי זאַמט זיך אויף להכעיס. אחוץ דעם ווייסט וועלוועלע, אַז די פּיני איז אַן עגונה. ער אַליין האָט פֿון אירעט וועגן בריוולעך געשריבן אין שטעט אַרײַן, ווו אַ קול איז געגאַנגען, אַז איר מאַן געפֿינט זיך דאָרטן. ווי קומט צו פּינין אַ פֿרומע? דאָס איז אוודאי נישט צו פֿאַרשטיין. דערווײַל זיצט דער ר' יחיאל דער פּאַדראַטשיק אויף אַ בענקל און קוקט אויף איטלעכן פּיצעלע... טאַ, — טראַכט וועלוועלע דער בריה בײַ זיך — די פּיני וועט פֿאַרט באַלד קומען, וועט מען זען וואָס פֿאַר אַ משלחת דאָס איז"... לעת־עתּה איז דעם וועלוועלען ניט גוט, וואָס דער ר' יחיאל, דער עושר, דער פּאַדראַטשיק, וואָס מען האָט געדאַרפֿט בײַ אים נעמען און מען האָט געקאָנט בײַ אים נעמען אַ גוטע נעדיזנע[125], דער איז גראַד דאָ בײַ עובֿדיהס מעשׂה. אפֿשר האָט דער פּאַדראַטשיק געהערט מכּוח דעם גילגול, וואָס דער רבי האָט אויף אים געזאָגט. דעריבער קוקט ער און שמייכלט? דאָס איז וועלוועלען גאָר ניט גוט.

נאָך ערגער ווערט וועלוועלען דעם בריה, דעם גרויסן חשובֿ, דעם שאַרפֿן מקורבֿ בײַם רבין, אַז מען דערהערט דאָ אין שטוב אַ געשריי.

פֿון יענער זײַט טיר גייט דאָס הויכע קול — מן־הסתּם פֿון יענע קרעטשמאַרעס, וואָס זײַנען ערבֿ שבת חנוכּה שפּעט אָנגעקומען אין מעזשבעזש — פֿון אַ ייִדענע מיט אַ קול פֿון א מאַנסביל אויך. זיי קריגן זיך מיט דעם צדיקס לײַבמענטשן, וואָס לאָזט קיינעם ניט אַרײַן, ביז מען גיט אים ניט עפּעס דערפֿאַר, ער זאָל אַרײַנלאָזן. דעם מאַנסבילס קול איז פּראָסט:

— און אַז איך האָב אים ניט גענומען אין קעסענע אַרײַן, אײַך טשו געבן איט, ווילט איר איט ניט אונדז אַרײַנלאָזן?

דאָס ווײַבערשע קול איז אַ געשריי מיט אַ כּעס:

— וואַש, אַ פּאַריטש איזש דער רבי, וואַש, להבֿדיל, צו אַ פּאַריטש לאָזשט דער לאַקיי ניסט אַרײַן, אָבער טשו אַ טשאַדיק, וואָס מאַכט מויפֿעשן, זאָל אַ ייִד ניט אַרײַנלאָזשן? סעמט אײַך אין אײַער ווײַטן האַלדז אַרײַן! מיר זשײַנען טשוואַנטשיק מײַל ווײַט געפֿאָרן, ער זשאָל אונדזש מויפֿעשן...

דער לײַבמענטש לאָזט פֿאָרט ניט.

— סיקעריסקע! איך וועל דיר די פּאַסקודנע באָרד אוישרײַשן, וואַש? אַ סאָצקי[126] זשענט איר, עכבּרוש; אונדזש וואַרפֿט מען אַרויש פֿון דער פּאַרנאַשע, און ער...

דאָס ווײַבערישע געשריי מיט אירע אַלע ווערטער זײַנען אין איין מינוט, געשווינד, אין איין אָטעם געזאָגט געוואָרן, ווי די „עשׂרת בני המן", בשעת מען לייענט די מגילה. איטלעך וואָרט האָט מען געהערט אין שטוב.

דער צדיק האָט זיך אַ ריר געטאָן פֿונעם פֿאַרטראַכט זײַן און געגעבן אַ ווונק צו וועלוועלען, ער זאָל עפֿענען די טיר, די שרײַענדיקע אַרײַנצולאָזן.

וועלוועלע דער בריה קאָן זיך אָבער פֿונעם אָרט ניט רירן, אַזוי ביטער איז אים געוואָרן פֿון דער קרעטשמערקעס שרײַען. ניט מחמת בושה פֿאַר דעם יחיאל דעם פּאַדראַטשיק, ניין, נאָר איבער אַן אַנדערן טעם. ווײַטער וועט מען געוויר ווערן דעם טעם.

אַז וועלוועלע דער בריה רירט זיך ניט, גייט אַן אַנדער חסיד און עפֿנט די טיר. קומט־אַרײַן אַ ברייטער ייִד, אין אַ געשטעפּטן, לאַנגן ברישליאַק, פֿון בלויען קיטײַ, צוגעגאַרטלט מיט אַ פּאַווערשן, פּאַסקעוואַטן גאַרטל, אין גראָבע יאַלעוויטשנע שיך, מיט וואַילאָקענע גראָבע זאָקן, אין אַ לאַפּן־מיצל פֿון אַמאָל געוועזענעם פֿוקס. קיין באָרד האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט, נאָר צוויי לאַנגע פֿלאַכטן הענגען ביז איבער די הענטאַקסלען — דאָס זײַנען פּאות. כאָטש ער איז אַלט אַ יאָר פֿופֿציק, איז ער זייער געזונט, ווי דאָס פּנים ווײַזט־אויס, טאַקע אַ רעכטער קרעטשמער.

דאָס ווײַב איז אַמאָל שיין געווען. אַ הויך געוואַקסענע ייִדענע פֿון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק, נאָר שטאַרק אָפּגעהאָרעוועט. אָנגעטאָן אין אַ פּיצעלע שטערן־טיכעלע, וואָס איז אפֿשר צוויי הונדערט גילדן, מיט אַ שלייער, אָן אַ סיטקע[127], אַ יופּע אויףביידע אָרבל פֿון אַזאַ קיטײַ ווי דעם מאַנס ברישליאַק, מיט ווײַס האָזן־פֿוטער אונטערגעשלאָגן. אַ רויט גרעדיטירן אַלט ברוסטטוך זעט מען אַרויס און אַ קאַנטענאַרן פֿאַרטעך. אָט די קרעטשמערקע קאָן אַזוי הויך שרײַען און שיטן רייד.

"Rebbe, he's *already* excommunicated. My wife told me that this traitor already went to the priest. That means he's absolutely excommunicated. He stayed with the priest for four weeks. Hahaha!"

The rebbe wouldn't hear the bitter, shameful words that his esteemed follower, Velvele the Expert, had to endure. So he called over one of the other Hassids.

"Isser, please take this man and his wife into the alcove and make them understand that Velvele has no designs whatsoever on their tavern. Tell them to leave him in peace and to write down what they want in the alcove."

Isser had long been striving to become one of the rebbe's right-hand men. He was delighted that the rebbe was asking him to do this. He grabbed Tordes and Menye-Rasye and pulled them into the alcove:

"You're making a terrible mistake. Velvele is a local householder. Just come with me, the rebbe wants to bestow a boon upon you. Have faith! If the rebbe says so, then no one will take away your tavern, no matter what."

Tordes and Menye-Rasye took Isser's words at face value. They left Velvele, who was in an awful state, and they trudged into the alcove with Isser.

How useful was Isser in getting the complaints down on paper, and convincing the innkeeper and his wife that the rebbe, by peering at their written names, would make their business remain with them, and that no one would take away their tavern, no matter what? Who knows! But we do know how someone can talk simple, unlettered people into believing such things: If a man is worried, fearful, anxious, then the poor creature wants to save himself. Well, and if someone comes along and tells him: "*I* can help you," then the poor creature forgets to reflect: "Could he be lying?" All he knows for sure is that he feels terrible. And if the would-be helper is a man who talks to God and whom thousands of people call "rebbe," "tsaddik," "miracle-worker," then his words ring true.

Anybody can imagine what Velvele felt like, even though the innkeeper and his wife had left him. He couldn't even walk away, no. He was in a daze, he couldn't move.

— רבי, ער איז סוין אין דער סמוע. דער סמאַדילניק, האָט מיר מײַן ווײַב דערציילט, איז סוין געזעשן בײַם גלח. איז ער דאָך סוין העט טיף אין דער סמוע. ער־האָט דאָך בײַם גלח פֿיר וואָכן געגעשן קעשט, כאַ־כאַ־כאַ...

דער צדיק האָט ניט געקאָנט אויסהערן די ביטערע בזיונות, וואָס זײַן חשובֿ וועלוועלע דער בריה, האָט דאָ אויסצושטיין. טוט ער אַ רוף איינעם פֿון די איבעריקע חסידים.

ר׳ איסר, זײַט זשע מוחל, נעמט דעם ייִדן מיט זײַן ווײַב אין אַלקער אַרײַן און גיט זיי צו פֿאַרשטיין, אַז וועלוועלע האָט גאָר ניט אין זין זייער קרעטשמע. לאָזן זיי אים געמאַך לאָזן, און שרײַבט דאָרטן אין אַלקער אויס, וואָס זיי ווילן.

דער ר׳ איסר האָט לאַנג אַרויסגעקוקט אַ חשובֿ צו ווערן בײַם גוטן־ייִד. איז ער זייער גערן, אַז דער רבי אַליין שאַפֿט מיט אים. טוט ער אַ כאַפּ דעם טאָדרעסן מיט מעניע־ראַסיען אין אַלקער אַרײַן:

— עס איז אַ טעות! וועלוועלע איז גאָר אַ היגער באַלעבאָס. און קומט נאָר מיט מיר, דער צדיק וויל אײַך אַ טובֿה טאָן. זײַט בטוח: אַז דער צדיק זאָגט, וועט קיינער בײַ אײַך אײַער קרעטשמע ניט אויסדינגען, בשום אופֿן ניט.

טאָדרעס און מעניע־ראַסיע מיינען, אַז דאָס איז אַקוראַט, ווי דער ר׳ איסר זאָגט. לאָזן זיי אָפּ דעם פֿאַרפֿינצטערטן וועלוועלען און גייען אין אַלקער אַרײַן מיט ר׳ איסרן.

ווי אַזוי ר׳ איסר האָט געטויגט צו דער זאַך, דעם טאָדרעסן מיט דער מעניע־ראַסיען אַרויפֿצוכאַפּן אויף פּאַפּיר, זיי צו געבן צו פֿאַרשטיין, אַז פֿון דעם, וואָס דער צדיק וועט קוקן אויף זייערע אויפֿגעשריבענע נעמען, וועט זייער פּרנסה בלײַבן בײַ זיי, קיינער זאָל בשום אופֿן ניט קאָנען אויסדינגען זייער קרעטשמע, — ווייסט מען נישט. די קשיא, אַז מען וויל פֿרעגן: ווי מען קאָן פּראָסטע, גראָבע מענטשן אײַנריידן אַזעלכעס? ווייסט מען יאָ, ווײַל אַ מענטש, אַז ער איז אין אַ צרה, אין אַ דאגה אָדער אין אַ פּחד, וויל ער זיך, נעבעך, ראַטעווען. נו, אַז איינער קומט און זאָגט אים: „איך קאָן דיר אַוודאי העלפֿן", פֿאַרגעסט ער גאָר איבערצוטראַכטן: „טאָמער זאָגסטו אַ ליגן". ער ווייסט נאָר בײַ זיך, ס׳איז אים שלעכט. ובפֿרט דאָ זאָגט צו אים איינער, וואָס שמועסט מיט גאָט, איינער וואָס טויזנטער מענטשן רופֿן אים צדיק, גוטער־ייִד, בעל־מופֿת, דאַכט זיך אים, דאָ איז דער אמת.

וועלוועלע דעם בריהס מעמד, ווי ער איז געבליבן שטיין, כאָטש טאָדרעס מיט מעניע־ראַסיען האָבן אים אָפּגעלאָזט, קאָן זיך איטלעכער משער זײַן. ער קאָן שוין ניט אַוועקגיין פֿון דאַנען, גיין. ער בלײַבט פֿאַרטומלט און קאָן זיך ניט רירן.

123 דער מכשול.

124 אויף אַ וואָרטשפּיל: סאָם הייסט אַ לאַנג פּאַפּירל, וואָס פֿאַרצייכנט, ווי לאַנג ער זאָל מאַכן דאָס מלבוש, און טעות איז דער טײַטש — געלט.

125 נתינה, סומע געלט.

126 צאַרישער פּאָליציי־מאַן (אין דאָרף).

127 נעצהײַבל (אויף אַרומנעמען די האָר).

Still, no matter how awful Velvele may have felt, he was delighted at the sound of Pini's voice from the other side of the door.

A candle was burning near the rebbe's adjutant, who was not supposed to let anyone in without a fee. All along the way, from Pini's home to the rebbe's home, she and Frumma walked in darkness. The night was so cloudy, that you couldn't make out another person. Suddenly, in the light of the rebbe's home, Pini saw that Frumma, who had left her home as a *girl*, with a red ribbon in her braid, had changed into a *young wife* on the way: She was wearing a huge headband.

"It's magic! It's a spell! She's enchanted!" cried Pini. "I'm scared to touch you. You've suddenly turned into a wife. . . . I have to spit three times, and I've got to touch the mezuzah. All year long, I've been dreaming. . . ."

Yekhiel the Contractor knew what Pini was talking about. He laughed and opened the door himself and said to Pini:

"Don't scream, don't curse. Come in and you'll soon find out that it's neither magic nor any kind of spell."

Pini entered the house with a very beautiful young wife in a huge headband. When a woman enters the home of a Hassidic rebbe, she is not supposed to say "good evening."

The rebbe's grandsons came out of the alcove and paused at the threshold to look at the beautiful young woman as well as the huge headband. They stood there transfixed, gawking and gaping.

At that moment, Yossele, Obadiah's son, also came out of the alcove. Until now, he and his father had been sitting in there because the sick old man (madness is a disease like any other) still didn't have the strength to walk. And besides, the two of them didn't know where to go. Yesterday, they had found a place for the young man, but no one was willing to put up the old, poor, sick father. Earlier, when Obadiah was the Madman, he had lived in all the vacant houses. But now that he was Mr. Obadiah, a sick, pious Jew from another town, he could not live in a vacant house. Here, in the rebbe's home, no one would pity him. On the contrary, the grandsons and their wives made it clear to Yossele that he had to take his sick father away.

"This is not a charity hospital for a sick Jew," they told the son.

Yossele had an idea: "That good contractor, the one who felt sorry for my father and gave him a gold ducat, and told me to come to him. He's staying in Peysakh's inn, he wants to give Father a jacket and a coat. He's such a good person, I'll ask him if he can take Father in for a couple of days until we can rent a wagon to go home." With a face exciting pity, Yossele walked over to Yekhiel the Contractor and whispered to him. Yekhiel replied:

"Yes. Take your father to my room immediately, and tell them I said it was all right."

Yossele was overjoyed and wanted to kiss Yekhiel's hand. Yekhiel wouldn't let him, he pushed him away.

"Go on with you, don't be silly! Just take your father and don't drive me crazy. There's something else I have to do here."

Yossele walked over to the Holy Land emissary. He saw that the man was bending over with his face on his hands. Yossele began speaking to the man in our Hebrew. Not very fluently, but he had always spoken to him in the Holy Tongue:

"Rabbi, I am going with my father. I will not come to the Rabbi tonight."

The emissary might not have turned his face up—for a reason that we will soon learn. But Yossele gave the man a yank when he spoke to him:

כאָטש ווי ביטער וועלוועלען דעם בריה איז געווען אויפֿן האַרצן, האָט ער פֿאָרט הנאה געהאַט, אַז מען דערהערט אין שטוב פּיני דער זיצערקעס קול פֿון יענער זײַט טיר.

אינעם הויז האָט געברענט אַ ליכט נעבן דעם צדיקס לײַבמענטש, דאָרטן, וווּ ער זיצט, ניט אַרײַנצולאָזן אָן אַרײַנלאָז־געלט. אַ גאַנצן וועג, פֿון פּיניס שטיבל ביז צום רבינס שטוב, איז פּיני די זיצערקע מיט פֿרומען געגאַנגען אין דער פֿינצטער. ווײַל ס'איז זייער וואָלקנדיק געווען, האָט איין מענטש דעם אַנדערן ניט געקאָנט זען. פּלוצעם, אַז דאָ אין הויז איז ליכטיק, דערזעט פּיני די פֿרומע, וואָס איז מיט איר פֿון איר שטיבל אַרויסגעגאַנגען אַ מיידל, מיט אַ רויטער סטענגע אײַנגעפֿלאָכטן אינעם צאָפּ, איז איבערן וועג פּלוצעם געוואָרן אַ ווײַבל, געשלייערט אין זייער אַ גרויס שטערן־טיכל.

— אַ פֿאַרוואָרפֿעניש, אַ מכשפֿה, אַ זגאַכערקע[128]! — שרײַט די פּיני — איך האָב מורא פֿאַר דיר זיך אָנצורירן, מישטיינס געזאָגט. פּלוצעם גאָר האָסטו דיך פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ ווײַבל... פֿי, פֿי, פֿי! איך מוז דרײַ מאָל אויסשפּײַען און, מישטיינס געזאָגט, מיך האַלטן אין דער מזוזה. וואָס מיר האָט זיך געחלומט אַ גאַנצן גייענדיק יאָר...

ר' יחיאל דער פּאַדראַטשיק האָט אין שטוב געוווּסט, וואָס פּיניס רייד באַטײַטן. טוט ער אַ לאַך און עפֿנט אַליין די טיר און זאָגט צו דער זיצערקע, צו פּינין:

— שרײַט ניט, בטלט ניט קיין חלומות. דאָ אין שטוב וועט איר באַלד געוווּיר ווערן, אַז ס'איז ניט קיין כּישוף און ניט קיין פֿאַרוואָרפֿעניש.

פּיני קומט אין שטוב אַרײַן מיט זייער אַ שיין יונג ווײַבעלע, אָנגעטאָן אינעם גרויסן שטערן־טיכל. ווײַבער זאָגן בײַ אַ חסידישן רבין ניט קיין „גוטן־אָוונט".

די אייניקלעך דעם צדיקס זײַנען פֿונעם אַלקער צו דער שטוב־שוועל צוגעקומען, אָנצוקוקן דאָס שיינינקע ווײַבעלע, אַחוץ דעם דאָס גרויסע שטערן־טיכל. זיי בלײַבן ווי די העלצער, קוקנדיק, גלאָצנדיק.

טאָקע אין דעם אויגנבליק קומט־אַרײַן פֿונעם אַלקער יאָסעלע, ר' עובֿדיהס זונדל. דער איז מיט זײַן פֿאָטער ביז אַהער געזעסן אין אַלקער, ווײַל דער אָפּגעשלאָפֿטער ר' עובֿדיה — משוגע איז אַזאַ חור־לאַת, ווי אַן אַנדער קרענק — האָט נאָך קיין כּוח ניט געהאַט צו גיין, און אַחוץ דעם האָבן זיי בײדע ניט געוווּסט וווּהין זאָלן זיי גיין. דאָ האָט מען פֿון נעכטן אָן דעם יונגן יאָסעלען געפֿונען אַן אָרט, נאָר פֿון דעם אַלטן, שלאָפֿן, אָרעמען ר' עובֿדיהס וועגן וויל מען בשום אופֿן ניט האָבן קיין אָרט. פֿרײַער, אַז דער עובֿדיה איז משוגע געווען, האָט ער אַלע פּוסטע שטובן געהאַט פֿאַר אַ דירה. אַצינדערט, אַז ער הייסט „ר' עובֿדיה", אַ שלאָפֿער, פֿרומער ייִד, אַ פֿרעמדער, קאָן ער אין קיין פּוסטער שטוב ניט וווינען. קיינער וויל זיך אויף אים, דאָ בײַם צדיק אין שטוב, ניט דערבאַרעמען. פֿאַרקערט נאָך, די אייניקלעך, די ווײַבלעך, גיבן יאָסעלען צו פֿאַרשטיין, ער זאָל ערגעץ אַוועקפֿירן דעם שלאָפֿן טאַטן.

— דאָ איז קיין הקדש ניט אויף צו לייגן אַ קראַנקן ייִדן, — האָט מען אים געזאָגט.

איז יאָסעלען אײַנגעפֿאַלן אַן עצה: „דער גוטער פּאַדראַטשיק, דער וואָס האָט רחמנות געהאַט און דעם טאַטן געגעבן אַ רויט רענדל און האָט מיר געהייסן קומען צו אים, בײַ ר' פּסח דעם ראָטהײַזער שטייט ער אײַן, ער וויל דעם טאַטן שענקען אַ קאַפּאָטע און אַ טולופּ. אַזאַ גוטן מענטשן וועל איך אַ בעט טאָן, ער זאָל מײַן אַלטן שלאָפֿן טאַטן הייסן נעמען אויף זײַן סטאַנציע אויף אַ פּאָר טעג, ביז ער וועט דינגען אַ פֿור אַהיים צו פֿאָרן, דערווײַל דאָרטן זײַן. יאָסעלע גייט־צו מיט אַ רחמנות־פּנים, שושקעט ער זיך מיט ר' יחיאלן דעם פּאַדראַטשיק, און ר' יחיאל דער פּאַדראַטשיק זאָגט:

— יאָ, תּיכף פֿיר אַהין דעם טאַטן און זאָג, איך האָב געהייסן.

יאָסעלע ווערט אין איין שׂמחה און וויל אַ קוש טאָן דעם ר' יחיאלן אין דער האַנט. דער ר' יחיאל דער פּאַדראַטשיק לאָזט ניט און שטופּט־אַוועק יאָסעלען:

— גיי, נאַר אײנער, פֿיר דעם טאַטן און דול מיך ניט[129], איך האָב עפּעס אַנדערש דאָ צו טאָן.

יאָסעלע גייט־צו צו זײַן ירושלמי. זעט ער, אַז דער ליגט אויף בײדע קולאַקעס מיטן פּנים אַראָפּ. הייבט יאָסעלע אָן צו ריידן צום ארץ־ישׂראל־משולח אויף אונדזער לשון־קודש הויך. כאָטש ניט גוט, נאָר דאָך האָט ער מיט אים אויפֿן וועג תּמיד גערעדט:

— רבי, אני הולך עם אבי, לא אבוא אל רבי הלילה הזאת[130].

דער ירושלמי וואָלט אפֿשר ניט אומגעקערט דאָס פּנים אין שטוב אַרײַן, מחמת אַ טעם, וואָס מען וועט באַלד געוווּיר ווערן — נאָר יאָסעלע האָט דעם ירושלמי אַ שטאַרקן טאָרע געטאָן בײַם זאָגן די לשון־קודש־ווערטער.

The emissary turned around, glaring at his assistant.

At that moment, Pini was standing opposite the emissary. Upon seeing his face, she yelled, throwing everyone else into a panic:

"Fishl! Is that you!? You lousy rat! You've wasted so many years of my life, you dirty swine!" Pini ran to the rebbe, weeping, sobbing, screaming: "He's up and changed into a Turk! How many times have I troubled you, rebbe, and Velvele wrote letters for me. He ran out on me, the pig, and he must have taken another wife somewhere. Rebbe, if you keep this a secret, it's the end of the world!" She turned to the emissary. "You criminal! Cat got your tongue? You robber! you murderer! If you didn't want to live with me, then you should have gotten a divorce—we *are* Jews after all. The whole town knows I was desperate for a livelihood and lying in the cold and working my fingers to the bone so I wouldn't have to depend on anyone else, God forbid! It was in Berditchev, rebbe, he was younger, of course, but with that same disgusting face, and my father was a good Jew, and that Fishl, he took me away from him, he was an assistant cantor, he was. 'He's a belfer,' that's what my father said. 'A decent boy. Marry him!' A year later, he got hold of the dowry, five hundred guldens, goddamn it, and he impoverished my father, he did, may he rest in peace. And my mother had a big headband, she did, and he stole it and ran away and we never heard from him again. My poor mother, may she rest in peace, died that very same year from worrying so much and from all my crying day and night. You killer! If you'd only sent me a divorce for my money, I could have gotten another husband. But now," she wept, "I'm an old woman. Who'd be crazy enough to marry me? I'm gonna die like a dog out in the cold!" She turned to Yekhiel the Contractor. "Long may you live for sending for me. Just let me get even with that Turk or Tartar! You really have a Tartar's heart, you assassin!"

Screaming and weeping at the same time is something a fishwife has down pat. The rebbe felt awful. This was his third setback of the night: Obadiah was not the reincarnation of a Rationalist; Velvele the Expert, his close follower, was a convert to Christianity; and the Holy Land emissary, who was sitting right next to him, that dear man from Jerusalem, he was nothing but a belfer from Berditchev, a thief who had run away from his wife, and the important letters from the Holy Land were probably forged. What a disgusting turn of events, what an awful setback!

They had quickly gotten rid of Obadiah. They had also gotten rid of Velvele's first wife. But goddamm it: "How are we gonna get rid of the belfer?" the miracle-worker wondered to himself.

Yossele, the son of Obadiah the Pious, asked the entire company a question, like a boy from Shargorod:

"Why did he force me to break my back talking Hebrew all the time? A man from Berditchev ought to know plain Yiddish."

They all laughed, even though they would much have preferred not to laugh.

And Fishl, the belfer from Berditchev, the thief, what did he do while Pini screamed and wept? He held his tongue, like a fish.

It was Pini who answered Yossele's question:

"You know, when Fishl was a young man in Berditchev, he could disguise himself as a beggar or a priest at weddings. He could also play Ahasuerus in Purim skits, all the actors would learn from him. Yes, yes, Rebbe," she turned to the miracle-worker, "the whole town knew him. He was as sly as a fox!"

Everyone laughed again.

האט דער ארץ־ישראל־משולח, דער ירושלמי, מיט א בייזער זיך א דריי געטאן מיטן פנים צו זיין גבאי יאסל.

און די פיני די זיצערקע איז גראד געשטאנען אקעגן דעם ירושלמיס פנים. טוט די זיצערקע א גאנץ הויכן געשריי, אז אלע מענטשן אין שטוב זיינען דערשראקן געווארן:

— פישל, דו ביסט עס? פושע ישראל! שוין אזוי פיל יארן האסטו, הולטיי, מיך אוועקגעווארפן! — צום גוטן־יידן טוט פיני מיט א געוויין און מיט א כליפעריי א געשריי — אט האט ער זיך פארווארפן פאר א טערק פלוצעם. וויפל מאל האב איך, רבי, דאקוטשעט אייער כבוד, און ר' וועלוועלע האט געשריבן בריוולעך אויף מיינע יונגע יארן. איך בין פארזעסן, און ער, דער הולטיי, מוז אוודאי ערגעץ נאך א ווייב האבן גענומען. רבי, אז איר וועט דאס שווייגן איז אן עק פון דער וועלט! — זי קערט זיך צום ירושלמי — עכברוש, וואס שווייגסטו? רוצח, גזלן! האסטו מיט מיר ניט געוואלט ווינען, זיינען מיר דערויף יידן, גט מען מיך. די גאנצע שטאט ווייסט וויל, אז איך רייס קריעה און ליג אויף דער קעלט און הארעווע, אבי קיין מענטשנס ניט צו באדארפן, חלילה. אין בארדיטשעוו, רבי, האט מיך דער פישל — ער איז, פראוודע, יינגער געווען, נאר טאקע מיט דעם פאסקודנעם פארציפערא, ווי היינט — ביי אן ערלעכן טאטן, פון דער קאטשעניוקע, דעם אונטער־חזן — ער איז געווען אן ערלעכער ייד — ארויסגענומען. „א גמרא־בעלפער פישל — האט דער טאטע געזאגט — אן ערלעכער יונג, נעם אים". נאך א יאר האט ער די פינף הונדערט גילדן נדן־געלט דערטאפט נאך, נעבעך, דעם טאטן עליו־השלום, בדלות געשטעלט. דער מאמעס, פראוודע, ניט קיין גרויס שטערן־טיכל, האט ער, דער גנב, אויך אוועקגעגנבעט און איז אנטלאפן געווארן, ווי אין וואסער אריין. נעבעך, מיין מאמע, עליה־השלום, איז טאקע דאס אייגענע יאר, מחמת עגמת־נפש און מיין טאג־און־נאכט אויפן פנים ליגן און וויינען, געשטארבן. רוצח! האסטו מיר כאטש געווען געשיקט א גט פאר מיין געלט, וואלט איך געקאנט א מאן נעמען. אזוי — זי וויינט — בין איך היינט אן אלטע יידענע. ווער וועט משוגע זיין מיך צו נעמען? אט וועל איך ווי א הונט אויף דער קעלט, דרויסן שטייענדיק, שטארבן! — זי קערט זיך צו ר' יחיאל דעם פאדראטשיק — לאנג־לעבן זאלט איר, וואס איר האט געשיקט נאך מיר. לאם איך מיך כאטש נוקם זיין אין דעם טערק צי אין טאטער. טאקע א הארץ פון א טאטער האסטו, רוצח!

דאס שרייען און וויינען אין איין אטעם קאן א מארק־יידענע אויסנווייניק, נאר דעם רבין איז דא גאר ניט גוט. שוין דעם דריטן מיאוסן שטימפ האט ער דעם היינטיקן שבת־צו־נאכטס: עובדיה איז ניט קיין גילגול פון א מתנגד; וועלוועלע דער בריה, דער מקורב, דער חשוב, איז א שמאדילניק, און דער ירושלמי, וואס זיצט הארט נעבן אים, א טייערער ארץ־ישראל־משולח, א רעכטער ירושלמי — דער איז גאר א בארדיטשעווער בעלפער, א גנב, וואס האט אוודאי ערגעץ נאך א ווייב, און די שארפע ארץ־ישראל־בריוו זיינען מן־הסתם שטימפיקע, פאלשע פאפירן. גאר חלשות, מיאוסע שטימפן!

ר' עובדיה איז מען באלד פטור געווארן. וועלוועלס ערשטע ווייב איז מען אויך פטור געווארן. די מכה: „ווי ווערט מען ביי נאכט פטור פון דעם בעלפער?" — טראכט דער בעל־מופת.

יאסעלע, ר' עובדיה דעם פרומענס זונדל, פרעגט דעם גאנצן עולם א קשיא, ווי א שארגאראדער יינגל:

— פאר וואס האט ער מיך א גאנצן וועג געמוטשעט לשון־קודש צו ריידן? א בארדיטשעווער מוז דאך קענען פראסט יידיש ריידן!

אלע לאכן־אפ דער קשיא, כאטש מען וואלט זייער ניט גערן געלאכט.

און דער פישל, דער בארדיטשעווער בעלפער, דער גנב, וואס טוט ער, בשעת די פיני די זיצערקע שרייט און וויינט? ער שווייגט, ווי א שטיק הערינג.

פיני די זיצערקע איז די איינע, וואס ענטפערט־אפ יאסעלעס קשיא:

— דו ווייסט, יונגער מאן, דער פישל, אז ער איז יונג געווען אין בארדיטשעוו, האט ער זיך אויף חתונות געקאנט גוט פארשטעלן פאר א בעטלער און פאר א גלח. אחשוורוש־שפיל האט ער אויך געקאנט מאכן, אלע שפילניקעס פלעגן זיך ביי אים לערנען. יא, יא, רבי — זאגט זי צום רבין — גאנץ בארדיטשעוו ווייסט דאס. ער איז תמיד געווען א פארשלעפטע קרענק.

אלע לאכן ווידער.

The rebbe called over Velvele the Expert and said to him so that Pini could hear:

"Velvele, my dear friend, and Isser, my dear friend, please take Fishl to your home and let him spend the night. Tomorrow, God willing, you shall take him to the Jewish judges, and they will judge him according to the Laws of our Holy Torah" (he heaved a Hassidic, rabbinical, piously pitiful moan). "Both of you, go with him!"

Velvele hated to leave without learning what would happen with Yekhiel the Contractor; but since the rebbe had ordered him (even though his first wife had testified that he was a convert), Velvele, the rebbe's "dear friend," still had grace in the miracle-worker's eyes, and so he diligently grabbed Fishl, the bogus Jerusalemite. Issir, likewise the rebbe's "dear friend," also grabbed the fat emissary to take him away. Pini was delighted that the rebbe had asked two virtuous Hassidic men to guard that murderous thief. He'd be taken care of tomorrow. Her murderer must have money, she thought, and she was going to take back her dowry and every single ruble for her mother's headband.

All that remained now was to settle the matter for which she had been called: Yekhiel and Frumma.

דער צדיק רופֿט־צו װעלװעלען דעם בריה און זאָגט צו אים,
ני די זיצערקע זאָל אויך הערן:

— נעם דו, װעלװעלע קרוין, און ר׳ איסר קרוין דעם פֿישלען,
רט אים צו אײַך אהיים, לאָז ער בײַ אײַך נעכטיקן. מאָרגן, אם־
צה־השם, װעט איר אים אָפּפֿירן צו די דיינים, זיי זאָלן עקן צװישן
על־פּי דת תורתנו הקדושה — דערבײַ טוט ער אַ חסידיש־רבײַשן
זמנות־פֿרומען קרעכץ — גייט ביידע מיט אים!

װעלװעלען איז װיי אװעקצוגיין, ניט צו װיסן װי װעט זיך עקן
יט דעם פּאָדראַטשיק ר׳ יחיאלן, נאָר אַז דער רבי רופֿט אים —
אָטש דאָס ערשטע װײַב האָט אויף אים אויסגעזאָגט, דאָס ער איז אַ
מאַדילניק — „ר׳ װעלװעלע קרוין" — איז ער דאָך װײַטער חשובֿ,
וט ער מיט חשק אַ נעם פֿישלען, דעם פֿאַרשטעלטן ירושלמי, אַ
אָפּ, און „ר׳ איסר קרוין" כאַפּט דעם גראָבן, פֿעטן בחור אַרויספֿירן
ון דאַנען. און פּיני די זיצערקע האָט הנאה, אַז דער רבי האָט צװיי
רלעכע ייִדן, חסידים, געהייסן אים היטן, דעם עכברוש. מאָרגן װעט
ײַן אַן עק. איר רוצח מוז אַװדאי האָבן געלט, מיינט זי, װעט זי
פּנעמען איר געלט און פֿאַר דער מוטערס שטערן־טיכל אַפֿילו אחת־
אחת. בלײַבט נאָר איבער דאָ צו עקן מיט דער זאַך, װאָס מען האָט
י גערופֿן מכּוח ר׳ יחיאלן און מכּוח פֿרומען.

[128] אַ באַבסקע היילערקע.

[129] דריי מיר נישט קיין קאָפּ, מאַך מיך נישט משוגע. — [130] איך גיי מיט
מײַן סאָטן. איך װעל די נאַכט נישט קומען צום רבין (ס׳דאַרף זײַן: הזה).

The rebbe himself wanted to know what was going on with Yekhiel the Contractor. He had heard as clearly as anyone else when Pini had yelled from the other side of the door: "It's magic! It's a spell! . . . You've suddenly turned into a young woman." The girl who had changed into a woman was not enchanted by any stretch of the imagination. On the contrary, she was cheerful and radiant, and she was wearing a huge headband. There must be something to her. And even though a rebbe may not speak his thoughts, he is human, after all, he wanted to know what such a rich woman had to do with a poor market vendor.

The Hassidim could still hear the innkeeper and his wife in the alcove, but they would probably leave soon. Meanwhile, the room was quiet. The Hassidim stopped where they were, gaping to see what would happen. The rebbe's grandsons were at the threshold of the alcove, gawking at the radiant young woman with the huge headband, they were thankful to the Good Lord that they were rid of the fat Jerusalemite. They would be hearing and seeing fine things.

Yekhiel the Contractor did not wait for the rebbe to begin. He eagerly walked over to the table:

"The start of the week didn't quite work out for me. Rebbe, what you took for pure gold was fool's gold. But let's forget about that, and let's talk about my miracle. I meant this woman. I wish to marry her. And I want the wedding to take place here in your home, tonight."

"No!" cried Pini, clutching her head with both hands. "No, rebbe, I don't want to sell my soul. Oh, God help me, rebbe! A brother can't marry his sister! The world will collapse! How can this be? Oh, help me, God! A brother and sister?! No! It can't be! It can't! How can you allow it, rebbe, God forbid!"

All eyes were glued on Yekhiel the Contractor and the beautiful woman. It wasn't proper for a brother to marry his own sister.

Yekhiel the Contractor laughed:

"Hahahaha! Don't clutch your head and don't yell. You already called her a witch for nothing. I promised you'd understand the transformation very soon. Just keep silent for a few minutes and I'll explain everything."

And he stared at the rebbe:

"You know that our Father Abraham was once in a terrible predicament and he had to say that his wife Sarah was his sister. Right? Now three months ago, I told this good woman that my bride-to-be was my sister. I had to bring my fiancée here secretly for a reason that I'll tell you in a few minutes. In Mezhbezh, I deliberately chose Pini the Agunah, as she is called, because she lives all alone in her house, no one ever visits her. I paid six months' board for my fiancée—fifty rubles cash on the spot. That was enough, right? The poor woman needed all that money for her business. But I did insist on one condition: She was never to send my bride-to-be anywhere. I wanted to make sure that no one ever saw her and that no one ever found out that she was in Mezhbezh. . . . Thank you very much, Pini, you are a good and honest woman! I want to give you a present for taking care of my fiancée and keeping the secret better than any Hassidim. You can see that the Good Lord has rewarded you. We helped you find your husband." (Yekhiel had to say that to get in a dig at the Hassidim.) "Furthermore, Pini, my fiancée dressed as a girl for



דער צדיק אַליין וויל אויך וויסן, וואָס דאָ טוט זיך מיט דעם ר׳ יחיאל דעם פּאַדראַטשיק. ער האָט אַזוי גוט געהערט ווי אַלע, אַז די זיצערקע פּיני האָט פֿון יענער זײַט טיר געשריגן: „מכשפֿה, זנאַכער־קע, פּלוצעם האָסטו דיך פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ ווײַבל״. דאָס פֿאַרוואָר־פֿענע פֿאַר אַ ווײַבל איז גאָר ניט ווי אַ כּישוף־ווײַבעלע, אַדרבה, זייער אַ ליכטיק, פֿריילעך ווײַבעלע, אָנגעטאָן אין זייער אַ גרויס שטערן־טיכל. מוז דאָך דאָ עפּעס זײַן. און כאָטש אַ גוטער־ייִד זאָגט ניט אַרויס, איז ער אַ מענטש, וואָס וויל זייער וויסן, ווי קומט אַזאַ רײַך ווײַב צו אַן אָרעמער זיצערקע.

כאָטש מען הערט נאָך פֿונעם אַלקער, אַז די קרעטשמערקע מעניע־ראָסיע איז נאָך מיטן מאַן טאָדרעס ניט אַוועקגעגאַנגען, נו, וועלן זיי מן־הסתּם באַלד גיין. לעת־עתּה איז שטיל אין שטוב. די חסידים, וואָס דרייען זיך אַרום, בלײַבן אַלע שטיין אויסגעשטשירעט די אויגן, צו צוזען וואָס דאָ וועט ווערן. דעם צדיקס אייניקלעך שטייען אויף דער שוועל פֿונעם אַלקער אין שטוב אַרײַן, גלאָצנדיק אויף דעם ליכטנדיקן ווײַבעלע מיט דעם זייער גרויסן שטערן־טיכל, און דאַנקען גאָט, אַז מען האָט דעם פֿעטן ירושלמי אַרויסגעפּטרט. וועט מען דאָ הערן און זען ווילע זאַכן.

ר׳ יחיאל דער פּאַדראַטשיק וואַרט ניט ביז דער גוטער־ייִד וועט אָנהייבן. גייט ער צו צום טיש מיט חשק:

— מײַן אָנהייב אויף דער פֿולער וואָך איז אויף להכעיס עפּעס ניט זייער געראָטן. רבי, ס׳איז גאָר ניט גאָלד געווען, וואָס אײַך האָט זיך געוויזן פֿאַר ריין גאָלד. נאָר לאָמיר דאָס אַוועקלייגן, און לאָמיר שמועסן פֿון מײַן מופֿת. אָט דאָס ווײַבל האָב איך געמיינט. מיט דער וויל איך חתונה האָבן. דאָ בײַ אײַך זאָל זײַן די חופּה, הײַנט אויף דער נאַכט.

— ניין! — טוט אַ הויכן געשריי פּיני די זיצערקע מיט אַ זעץ זיך אין קאָפּ אַרײַן מיט ביידע הענט — ניין, רבי, איך וויל מײַן נשמה ניט פֿאַרקויפֿן. וויי און אָך איז די יאָרן, רבי! סטײַטש, אַ ברודער זאָל וועלן נעמען זײַן שוועסטער! מישטיינס געזאָגט, די וועלט וועט דאָך אײַנפֿאַלן. ווי מעג מען? גוואַלד וועל איך שרײַען: אַ ברו־דער — זײַן שוועסטער?! ניין, מען טאָר נישט, מען טאָר נישט, און איר, רבי וועט דאָס דערלאָזן, חלילה?

אַלע אויגן קוקן אויף ר׳ יחיאלן דעם פּאַדראַטשיק און אויף דעם שיינעם ווײַבל. עפּעס געשיקט זיך ניט, דער ברודער זאָל וועלן נעמען זײַן שוועסטער.

ר׳ יחיאל דער פּאַדראַטשיק טוט אַ לאַך:

— כאַ־כאַ־כאַ, שלאָגט אײַך ניט אין קאָפּ אַרײַן און שרײַט ניט. פֿריִער האָט איר אויך געשריגן און גערופֿן זי מכשפֿה אומזיסט. איך האָב אײַך צוגעזאָגט, אַז באַלד וועט אײַך ניט קשה זײַן אויף דעם פֿאַרוואָרפֿעניש. אַצינדערט זאָג איך אײַך, אַז אײַך וועט באַלד — גאָר אַ פּאָר מינוט זאָלט איר שווײַגן — וועט אַלץ ניט קשה זײַן.

און ער קערט זיך מיטן פּנים צום גוטן־ייִדן:

— איר ווייסט, אַז אונדזער אָבֿינו אַבֿרהם האָט אויף זײַן ווײַב שׂרהן, פֿון אַ נויט וועגן, געמוזט זאָגן, זי, שׂרה, איז זײַן שוועסטער, איאָ? האָב איך אויף מײַן כּלה פֿאַר אַ חודש דרײַ געמוזט דער ער־לעכער ייִדענע פּינין זאָגן, אַז דאָס איז מײַן שוועסטער. איך האָב די כּלה מײַנע געמוזט שטילערהייט אַהער ברענגען איבער אַ טעם, וואָס איר וועט שפּעטער מיט עטלעכע מינוט פֿון מיר הערן. אין מעזש־בעזש האָב איך אומישנע מיר אָפּגעקליבן די ייִדענע פּיני די עגונה, ווי מען האָט זי גערופֿן, ווײַל זי וווינט גאָר אַליין אין איר שטיבעלע, קיינער קומט אַהין ניט. איך האָב מײַן כּלה בײַ איר אָפּגעדונגען אויף אַ האַלב יאָר קעסט. איך האָב תּיכּף מזומן געצאָלט אַ פֿופֿציקער אַסיגנאַציעס. איאָ, גענוג? אַזאַ אָרעמע ייִדענע האָט אַזוי פֿיל געלט מיט אַ מאָל געדאַרפֿט צו איר משׂא־ומתּן. נאָר איין תּנאַי האָב איך מיט דער ערלעכער ייִדענע געהאַט, אַז זי זאָל קיין מאָל מײַן כּלה ניט שיקן ערגעץ. ווײַל איך האָב געדאַרפֿט, אַז קיינער זאָל זי ניט זען, און מען זאָל בשום אופֿן ניט קאָנען געוווּיר ווערן, אַז זי איז אין מעזשבעזש... אַ שיינעם דאַנק אײַך, גוטע, ערלעכע פּיני! איך וועל אײַך אַ מתּנה אַחוץ שענקען דערפֿאַר, וואָס איר האָט אַזוי געפּילעוועט מײַן כּלה און האָט געהאַלטן דעם סוד בעסער פֿון אַלע חסידים. איר זעט, אַז גאָט ברוך הוא האָט אײַך אַ שׂכר געגעבן. איר האָט דורך אונדז אײַער מאַן אָפּגעזוכט. (דעם פֿרומען כאַפּ[131] האָט ר׳ יחיאל געמוזט טאָן, ווײַל ער האָט אַ שטאַרקן ליאַפּ[132] געטאָן די חסידים...) דאָס, וואָס מײַן כּלה איז בײַ אײַך, פּיני, געווען אָנגעטאָן ווי אַ מיידל, איז

"There's one favor I want to ask you, rebbe. When the witnesses arrive, I want to go into the alcove for a few minutes, and I want you to say that it's all right. Meanwhile, please ask Pini, that honest woman, and my bride to sit down. The witnesses may not come all that soon."

He didn't wait for the rebbe to invite them. He pulled over two chairs, and Pini and the beautiful young woman sat down.

Although Mezhbezh is a big town, it's not as big as Saint Petersburg. The money-man was already back, panting and gasping, he ran over to Yekhiel and whispered—quite audibly—into his ear:

"Only two were gone after the Sabbath. The rest will be here in a couple of minutes, together with all the stuff."

— אײן זאַך װיל איך אײַך, רבי, בעטן. בשעת די עדות װעלן אָנקומען, זאָל איך אויף עטלעכע מינוטן אַװעקגײן אין אַלקער אַרײַן. איך װעל ערשט דערנאָך אַרײַנקומען, איר װעט אַלײן זאָגן, ס'איז רעכט אַזוי. דערװײַל בעט איך צו הייסן דער ערלעכער ייִדענע פּיני און מײַן כּלה זיך צוזעצן. אפשר װעלן די עדות ניט אַזוי גיך קומען.

ער װאַרט ניט ביז דער צדיק װעט הייסן. ער שטעלט בענקלעך און פּיני מיטן שײנעם װײַבעלע זעצן זיך.

מעזשבעזש, כאָטשע אַ גרויסע שטאָט, איז פֿאָרט ניט אַזוי גרויס װי פּעטערבורג. דער משולם־צעך איז שוין געקומען פֿאַרדעכעט[134], פֿאַרסאָפּעט צוריק, און איז צוגעלאָפֿן זאָגן דעם ר' יחיאלן שטיל אין אויער אַרײַן — אַזוי װי מען האָט געקאָנט הערן:

— צװײ נאָר זײַנען אַװעקגעפֿאָרן תּיכף נאָך הבדלה, די איבע־ריקע און דאָס קלאַפּער־געצײַג װעט אין אַ פּאָר מינוטן דאָ זײַן אין גאַנצן.

[131] דריידל, המצאה. — [132] שמיר, פּאַרפּאַסשקע.

[133] (איראָניש) פּאַך פֿון מענטשן, װאָס קריגן באַצאָלט איז בײַ זײ דער עיקר.

[134] שװער אָפּכאָפּנדיק דעם אָטעם.

When the witnesses could be heard arriving, Yekhiel the Contractor slipped into the alcove, and the beautiful young woman stood up from her chair. Her heart was pounding. She was very nervous.

In walked Aaron the Beadle of Nosuchville, together with his wife Sarah. Upon seeing the young woman, they fell upon her and she threw her arms around them. They shouted cheerfully and wept for joy.

"Sheyntse, it's you!" they shouted.

"Daddy, Mommy!" she shouted.

"Our Sheyntse!" they shouted in cheerful and tearful voices.

She sobbed:

"Yes, Daddy, Mommy!"

"You're really here, in the rebbe's home? We've really got you here, where the rebbe said I shouldn't worry?" shouted Sarah.

A kissing, a hugging, a joy. A merriment. It lasted for several minutes.

They all saw how glad the rebbe was that this meeting was regarded as a miracle. At least he had *this* for the night and all his setbacks.

Suddenly, the innkeeper's wife Menye-Rasye burst in:

"What?! Is that you, Sarah? Why, I gave you my beautiful girl. Her name was Sheyntse. I've been looking for you all over the district, you criminal! Give me back my child! Tordes, cat got your tongue? This is Sarah, I've been looking for her. . . ."

Everyone was silent, paralyzed. Aaron the Beadle and Sarah his wife were as dumb as stone. So was the rebbe.

Tordes, the brawny innkeeper, lifted his brawny arm to strike Sarah. He was ready to kill her. Luckily, Yekhiel the Contractor came leaping from the alcove. He was no weakling himself. Pulling them apart, he snapped:

"Don't shout, don't fight. There's a man sitting here," he pointed to the rebbe, "he'll hear what you have to say. We're all Jews after all, we'll listen to everything. Come now. What's the use of fighting and shouting. Just say what's on your mind."

Tordes the Innkeeper lowered his arm. But his wife kept weeping and yelling bitterly to the rebbe. It was heart-rending.

"Rebbe, when I divorced that scoundrel Velvele, I was pregnant, as I told you before. My poor father, may he rest in peace, died when I had my baby, may he intercede for me. My father, may he rest in peace, was Shneur, the tax-collector of Kosznetin. Cat got your tongue, Tordes? I don't have the strength. . . ."

Tordes the Innkeeper told the rest of the story:

"Do you understand, rebbe, the girl was named Sheyntse, after her grandfather Shneur, may he rest in peace, that's right. My wife, Menye-Rasye, didn't nurse the girl. . . ."

Having rested a bit, Menye-Rasye could take up her shouting again, she wrung her hands and let out a torrent of tears:

"They took everything because Father had so many debts. My mother lived on, poor, without a crust of bread. When she went to a rabbinical court, they said—Tordes, you tell them, you're a man. . . ."



ווי באַלד מען האָט געהערט אָנקומען דעם עולם, האָט ר׳ יחיאל דער פּאָדראַטשיק זיך אַ כאַפּ געטאָן אין אַלקער אַרײַן און דאָס שיינע ווײַבעלע, האָט מען געזען, איז אויפֿגעשטאַנען פֿון איר בענקל. דאָס האַרץ האָט זיך אין איר געוואָרפֿן, זי איז זייער אומרויִק געשטאַנען.

אַרײַנגעקומען איז אהרן שמשׂ, דער לויהאָיפּאָלער שמשׂ, מיט זײַן ווײַב שׂרה. צום אַלעם ערשטן, ווי זיי האָבן דערזען דאָס ווײַבעלע, זײַנען זיי בײדע אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר, און דאָס ווײַבל האָט בײדע אַרומגענומען מיט בײדע הענט. ס׳איז געוואָרן אַ פֿריילעך געשריי און אַ געוויין מחמת שׂמחה.

— שיינצע, דו ביסט עס! — האָבן זיי געשריגן.

— טאַטעניו, מאַמעניו! — האָט זי געשריגן.

— אונדזער שיינצע! — האָבן זיי מיט אַ פֿריילעך־וויינענדיק קול געשריגן.

זי האָט געכליפּעט:

— יאָ, טאַטעניו, מאַמעניו!

— ביסטו טאַקע בײַם צדיק אין שטוב? מיר האָבן דיך טאַקע דאָ, ווי דער רבי דער צדיק האָט מיר געזאָגט, איך זאָל מיך ניט זאָרגן. — שרײַט שׂרה די שמשׂטע.

אַ קושערײַ, אַ האַלדזערײַ, אַ פֿרייד, אַ שׂמחה. עטלעכע מינוטן האָט עס געדויערט.

אַלע קוקן, ווי דער רבי האָט הנאה, אַז דאָס ווערט אָנגענומען פֿאַר אַ מופֿת. איז כאָטש דאָס, פֿאַר דער הײַנטיקער נאַכט פֿון סאַמע שטימפּן.

מיט אַ מאָל פֿאַלט־אַרײַן די קרעטשמערקע מעניע־ראַסיע מיט איר קול.

— וואָס? דו בישט עס, שאָרע? דיר האָב איך געגעבן מײַן סײַנענדיק מײדעלע. טאַקע סיינטשע האָט עס געהיישן. איך זשוך דיך אויפֿן גאַנטשן סליסל, אַכבעראַסטע! גיב מיר אָפּ מײַן סײַנענדיק קינד. טאָדרעש, וואָס סוויַגשטו? דאָס איזש די יִדענע שאָרע, וואָס איך זשוך...

אַלע בלײַבן, ווי פֿאַרגליווערט, שטילשווײַגן. אהרן שמשׂ און שׂרה זײַנען געבליבן שטום, ווי די העלצער, שטיין. דער גוטער־ייִד אויך.

טאָדרעס, דער געזונטער קרעטשמער, הייבט־אויף די געזונטע האַנט, דער שמשׂטע שׂרה אַ זעץ צו טאָן. וואָלט ער זי געקאָנט דערהרגענען. די מערכה איז, אַז ר׳ יחיאל דער פּאָדראַטשיק איז אַרײַנגעשפּרונגען פֿונעם אַלקער. ער איז אויך נישט קיין שלאַפֿער. ער צעשפּרייט זיי און רעדט שאַרף:

— שרײַט ניט, שלאָגט אײַך נישט, פֿע, איר זײַט דאָ ניט אין קיין קרעטשמע. דאָ זיצט עמעצער... — ער ווײַזט אויפֿן צדיק — ער וועט אויסהערן, וואָס איר זאָגט. מיר אַלע זײַנען ייִדן, מיר וועלן הערן וואָס און ווען. פֿע! שלאָגן און שרײַען? פֿע! זאָגט, וואָס איר האָט צו זאָגן.

דער קרעטשמער טאָדרעס האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט. נאָר די קרעטשמערקע האָט געוויינט און געשריגן פֿאַרן גוטן־ייִדן מיט אַ ביטער קול. עס האָט געריסן בײַם האַרצן זי צוצוהערן:

— רבי, אַזש איך האָב מיך געגעט מיט דעם וועלוועלען ימח־שמוניק, האָב איך אײַך דערטשיילט, אַזש איך בין געווען מובערעש. מײַן טאַטע, נעבעך, אָלעוו־האַסאָלעם, איז געשטאָרבן, ווען איך בין צו קינד געגאַנגען, זשאָל ער זיך מיִען. מײַן טאַטע, אָלעוו־האַסאָלעם, האָט געהיישן ר׳ סנייער דער מאָכשן אין קאָשנעטין. וואָס סוויַגשטו, טאָדרעש? איך האָב קיין כּוח ניט...

טאָדרעס קרעטשמער דערציילט דאָס איבעריקע:

— פֿאַרסטייט איר, רבי, דעריבער האָט מען דאָש מיידל אַ נאָמען געגעבן אין סול: סיינטשע, נאָכן סוועך, אָלעוו־האַסאָלעם, טאַקע. זי, מײַן ווײַב, מעניע־ראָשע, האָט ניסט געזייגט דאָש מיידעלע...

מעניע־ראַסיע האָט זיך אָפּגערוט אַ ביסל, קאָן זי ווײַטער שרײַען און רעדט מיט הענט־ברעכעניש און גיסט מיט טרערן:

— פֿונעם הויף האָט מען אַלטש אָװעקגענומען, ווײַל דער טאַטע איז געווען אַ בעל־חוב. די מאַמע האָט נאָך געלעבט, אָרעם, אָן אַ סטיקל ברויט. האָט די מאַמע געפֿרעגט אַ סײַלע, האָט מען געזשאָגט... טאָדרעש, זשאָג דו, דו בישט אַ מאַנטשביל...

"Good evening to you, Tevye, our dear community elder! Good evening to you, Zainvil! Good evening to you, Gabriel Gittels! Good evening to you, Aaron and Sarah! I am Mikhel!"

He turned to the tsaddik: "Rebbe, Mikhel is the Yiddish equivalent for the Hebrew name Yekhiel, right? So I didn't lie, did I?"

They were all dumbstruck. The people of Nosuchville cried:

"Mikhel! For God's sake! Mikhel! For God's sake! What are you doing here?"

Mikhel (or Yekhiel the Contractor, it's all the same now) spoke to the rebbe eagerly:

"Rebbe, so long as this girl or woman (you can ask Aaron's wife and she'll tell you that Sheyntse can be called either a girl or a woman)—so long as she has no one to turn to, both women can fight over her. Perhaps Aaron's wife could win, because a mother who gives away a newborn baby and then remarries may lose the right to be called 'mother.' After all, Aaron's wife did bring up Sheyntse, she saw her through chicken pox and measles. They can call Sheyntse their child. I never heard the word 'child' from them. They had me teach Sheyntse how to read and write. They arranged a marriage between her and me. I was her proper bridegroom. Then, because of a foolish matter and Rabbi N.'s swindle, they broke up the engagement. They forced Sheyntse to marry someone else against God and His commandment."

He turned to Zainvil:

"You, Zainvil, you did everything in your power to have Aaron and his wife marry her off to—I won't say whom. But Aaron and his wife were concerned about providing for her by getting her married. Sheyntse cost them a lot of money, and they had a lot of trouble with her like any devoted parents. If she had remained with her real mother and Tordes at the inn, she would certainly never have become the Sheyntse she is today. On the other hand, Aaron and Sarah committed a great wrong. They should have told her: 'You are not our own child, you have a mother, Menye-Rasye, the daughter of Shneur the Tax Collector in Kosznetin.' Who knows, Sheyntse could have unwittingly married a brother, God forbid—which Pini thought she was about to do." (A glance at Pini.) "Right, Pini? Perhaps Sheyntse's father" (a glance at Sheyntse), "Velvele the Expert has a son. Sheyntse could very easily have gotten his son for a husband. Do you understand, Aaron, do you understand, Sarah, what might have happened, God forbid? Merely because you never told Sheyntse who she really is! Right, rebbe?"

The tsaddik stared glassy-eyed. Everyone looked at him.

"The Good Lord protects Jews from unwitting sins, that's why Velvele has no children, and that's why Menye-Rasye has no children. 'The Torah and God are one,' says the *Holy Zohar*. The Good Lord wrote in the Holy Torah that a brother may not marry his sister. Well, that could really have been the stumbling block, as you have said, Yekhiel-Mikhel. God Blessed Be He preserved the Torah by not letting Velvele or Menye-Rasye have any children."

Everyone listened and felt that this was well put. Mikhel laughed and jeered:

"Hahahaha! . . . Zainvil knows his sacred texts, rebbe. He can tell you a thing or two—since I haven't studied the Talmud for a long time. He can tell you when a brother and sister did marry unwittingly. Besides, it's not the least bit fair that Velvele and Tordes should have no children just because Aaron and his wife committed a sin and never told Sheyntse about her real father and mother. God is not such a wrongdoer. Not on your life! . . . But let's forget about that. There are two sides already, and now I'm the third side. I want to marry Sheyntse. For the moment, she belongs to no one. I've offered the best verdict, right, Menye-Rasye, right, Sarah?"

— שלום עליכם, פּרנס־חודש, ר׳ טביה! שלום עליכם, ר׳ זײנוועלע! שלום עליכם, ר׳ גבֿריאל! שלום עליכם, ר׳ אהרן שמש מיטן ווײַב שׂרהן! איך בין מיכל...

ער דרייט זיך אויס צום צדיק: — רבי, מיכל איז אויף לשון־קודש דער אייגענער נאָמען, וואָס יחיאל, איאָ? איך האָב קיין ליגן ניט געזאָגט?

אַלע ווערן נבֿהל ונשתּומם. די אַלע לויהאָיאָפּאָלער לײַט טוען אַ געשריי:

— מיכל! כ׳לעבן, מיכל, כ׳לעבן! וואָס טוסטו דאָ?

מיכל (אָדער ר׳ יחיאל דער פּאָדראַטשיק, ס׳איז דאָך אַצינד אַלץ אײנס) קערט זיך אום צום רבין און רעדט מיט חשק:

— רבי, כּל־זמן דאָס ווײַבל אָדער דאָס מיידל — פֿרעגט ר׳ אהרנס ווײַב, וועט זי אײַך זאָגן, אַז זי מעג הייסן מיידל און ווײַבל אויך — שיינצע האָט ניט געהאַט צו וועמען צו קערן, וואָלטן זיך בײדע ווײַבער געדאַרפֿט קריגן איבער איר. אפֿשר וואָלט ר׳ אַהרנס ווײַב גערעכט געבליבן, ווײַל אַ מאַמע, וואָס גיט־אַוועק אַ קליין זייגנדיק קינד און האָט חתונה, מעג אפֿשר אויפֿהערן צו הייסן דעם נאָמען „מאַמע". זי, ר׳ אהרנס ווײַב, האָט שיינצען, ווי זי רופֿט עס, אויסגעכאָוועט, און געפּאָקט און געמאָזלט האָט דאָס מיידעלע בײַ זיי. מעגן זיי אָנרופֿן אונדזער שיינצע „קינד". דעם נאָמען „קינד" האָב איך פֿון זיי קיין מאָל ניט געהערט. זיי האָבן שיינצען געלאָזט בײַ מיר לערנען, לייענען און שרײַבן. זיי האָבן מיט איר אַ שידוך געטאָן מיט מיר. איך בין געווען איר רעכטער חתן. דערנאָך, איבער אַ נאַרישקייט און ר׳ ... דעם ... רבֿס שווענדלערײַ, האָט מען מיך געמאַכט פֿאַר אויס חתן. דערווידער גאָט און דערווידער זײַן געבאָט האָט מען, נעבעך, די שיינצע מיט געוואַלט פֿאַרשלייערט.

ער קערט זיך צו זײַנוועלען:

— דאָ האָט איר, ר׳ זײַנוועלע, געאַרבעט אויף אַלע זײַטן, ר׳ אהרן מיטן ווײַב זאָלן זי פֿאַרשלייערן מיט... איך וויל ניט זאָגן מיט וועמען. אָבער אַלץ האָבן ר׳ אהרן מיטן ווײַב געטראַכט די שיינצען גוט צו פֿאַרזאָרגן: זי חתונה צו מאַכן. שיינצע האָט זיי געלט געקאָסט און גרויס מי האָבן זיי מיט איר געהאַט טאַקע ווי געטרײַע פֿאָטער און מוטער. זי זאָל געווען זײַן בײַ דער אמתער מאַמע אין לייכעווער קרעטשמע, בײַ איר, בײַ מעניע־ראַסיען, מיט טאָדרעסן, וואָלט זי אוודאי ניט געוואָרן די שיינצע, וואָס זי איז הײַנט. פֿון דער אַנדערער זײַט איז עס אַ גרויסע עוולה פֿון ר׳ אהרן שמש מיט שׂרהן. ווי זאָגט מען ניט אַ קינד: „דו ביסט נישט אונדזער אייגן קינד, דו האָסט אַ מאַמע, מעניע־ראַסיע, דעם ר׳ שניאור מכסנס אַ טאָכטער פֿון קאָשנעטין? חס־ושלום, די שיינצע וואָלט געקאָנט ניט וויסן און חתונה האָבן מיט אַ ברודער, ווי פּיני האָט אויף מיר געמיינט. (אַ קוק צו פּינין.) איאָ, פּיני? אפֿשר האָט דער שיינצעס טאַטע (אַ קוק צו שיינצען), ר׳ וועלוועלע דער בריה, אַ זונדל? שיינצע וואָלט זייער גרינג געקאָנט נעמען אַזעלכן פֿאַר אַ מאַן. פֿאַרשטייט איר, ר׳ אַהרן, פֿאַרשטייט איר, שׂרה, צו וואָס דאָס וואָלט געקאָנט ברענגען, חלילה? אַלץ נאָר, ווײַל איר האָט ניט אויסגעזאָגט שיינצען, ווער זי איז! איאָ, רבי?

דער צדיק פֿאַרגלייזט מיט די אויגן. אַלע קוקן אויף אים.

— קודשא בריך הוא היט־אָפּ ייִדן פֿון שגגות [138], דעריבער האָט וועלוועלע קיין קינדער ניט, און די מעניע־ראַסיע האָט קיין קינדער ניט, ווײַל „אוריתא וקודשא בריך הוא חד הוא" [139] — זאָגט דער זוהר הקדוש. גאָט ברוך הוא האָט אָנגעשריבן אין דער תּורה הקדושה, אַז אַ ברודער טאָר ניט נעמען קיין שוועסטער. נו, דאָ וואָלט דאָך טאַקע געקאָנט אַרויסקומען דער מכשול, ווי איר, ר׳ יחיאל־מיכל, זאָגט. דעריבער האָט קודשא בריך הוא געהאַלטן די תּורה, אַז ר׳ וועלוועלע זאָל ניט האָבן קיין קינדער און מעניע־ראַסיע אויך ניט.

אַלע הערן און מיינען, דאָס איז ווויל געזאָגט. טוט מיכל אַ שמעטישן לאַך:

— כאַ־כאַ־כאַ... אָט דער ר׳ זײַנוועלע קען לערנען, רבי. ער וועט אײַך זאָגן, ווײַל איך האָב שוין לאַנג קיין גמרא ניט געלערנט, ווו עס שטייט, אַז עס האָט זיך יאָ געטראָפֿן בשוגג, אַז אַ ברודער האָט גענומען אַ שוועסטער. אחוץ דעם איז בשום אופֿן גאָר ניט גלײַך, אַז ר׳ וועלוועלע און ר׳ טאָדרעס זאָלן ניט האָבן קיין קינדער, ווײַל ר׳ אהרן שמש מיטן ווײַב האָבן געטאָן אַן עוולה און שיינצען ניט אויסגעזאָגט, אַז זי האָט פֿאָטער און מוטער. גאָט ברוך הוא איז ניט אַזאַ עוולה־טוער. ניין, ניין!... נאָר לאָמיר דאָס אַוועקלייגן. פֿון בײדע צדדים בין איך דער דריטער צד. איך נעם די שיינצע פֿאַר אַ ווײַב. איז זי אַצינדערט קיינעמס ניט. האָב איך דעם בעסטן פּסק אַרויסגעגעבן, איאָ, מעניע־ראַסיע, איאָ, שׂרה?

The rebbe had a sour taste in his mouth. And all the Hassidim in the room might have gotten into a bitter fight with Yekhiel the Contractor, who was now known as Yekhiel-Mikhel of Nosuchville. But the contractor was looking at them the way Jews look at cats and just laughing away. Nor had he exhibited any ignorance of Judaism. And then there was the huge headband that Sheyntse was wearing. . . . Yekhiel-Mikhel must be very rich. So they held their tongues.

"Do you remember," said Mikhel to Gabriel Gittels, "that Markel the Innkeeper had a poltergeist in his cellar last year? That was me. Sheyntse used to meet me there. . . ." He laughed. "We had no place else to meet, to talk. . . . Hahahaha! I rattled a horse fetter, and people were too scared to come down into the cellar. So nobody saw us."

He turned to Sheyntse:

"Where did you put the old *Zohar?* I asked you to bring the book that hung over the cellar door. Around mid-Elul, we stopped meeting, so I hid the *Zohar*. . . ."

These words created a quiet disturbance, a whispering, a shrugging of shoulders among the people who knew about Markel's poltergeist.

The rebbe knew that he had given Markel the old *Zohar*. The Nosuchvillers had thought that a great miracle had occurred. But Mikhel was wise enough not to mention the rebbe's name, so the disturbance didn't get out of hand.

Sheyntse answered Mikhel's question.

"I've still got the book. Why don't we give it back? We don't need someone else's book."

This was the first time Sheyntse said anything, and her words were so sharp that she might have caused a greater disturbance if it hadn't been for the huge headband that the beautiful young woman was wearing.

Gabriel Gittels deliberately tried to change the subject; he asked:

"Tell us, Mikhel, you witnessed the wars in Germany. Did you earn any money, thank the Lord? All the Nosuchvillers are wondering." He turned to the tsaddik: "Rebbe, I tell you, he's a marvelous man! We used to call him 'Mikhel the Muscovite' because he was useful for the greatest generals. Today he could probably be useful even for the French. . . . Listen, Mikhel, are you going to come and exchange money with me again. The rates are different now. Tell me, did you ever see Napoleon? People say he's a wild creature! Ha, Tevye, you're a fan of Napoleon's, aren't you?"

Tevye let out a Hassidic giggle:

"Hehehe! I'm no fan of his anymore, huh. He gave money to Mikhel, huh, and he didn't even send *me* a French watch, huh. . . ."

דעם רבין איז זויער געוואָרן אין מויל. און אַלע חסידים, וואָס דאָ אין שטוב שטייען, וואָלטן אפשר זיך שטאַרק געקריגט מיט ר' יחיאל דעם פּאָדראַטשיק, וואָס הייסט הײַנט יחיאל־מיכל פֿון לוויהאָיאָפּאָלי. נאָר דער ר' יחיאל־מיכל קוקט אויף זיי, ווי אויף קעץ, און לאַכט גאָר. קיין עם־האַרצישקייט האָט ער דאָ אויך ניט געזאָגט. דערצו דאָס זייער גרויסע שטערן־טיכל, וואָס די שיינצע גייט אָנגעטאָן... ווײַזט־אויס, אַז דער בחור מוז זײַן זייער אַ גרויסער עושר. דעריבער שווײַגט מען.

— איך געדענקט — זאָגט מיכל צו ר' גבֿריאל גיטעלעס — אַז מאַרקל שענקער האָט געהאַט אַ לץ אין קעלער, נאָך תּשעה־באָבֿ פֿאַר אַ יאָרן, בײַ אונדז אין לויהאָיאָפּאָלי? דאָס בין איך געווען. אַהין, צו ר' מאַרקלען, פֿלעגט די שיינצע מיט מיר זיך צונויפֿקומען... — ער לאַכט — כאַ־כאַ־כאַ, מיר האָבן קיין אַנדער אָרט ניט געהאַט, ווו זיך צו זען, צו שמועסן צווישן זיך... כאַ־כאַ־כאַ, איך האָב מיט אַ פּענטע פֿון אַ פֿערד געקלונגען, האָט מען מורא געהאַט אין קעלער אַראָפּצוגיין, מען זאָל אונדז ניט זען.

ער קערט זיך אום צו שיינצען:

— ווו האָסטו אַהינגעטאָן דעם אַלטן „זוהר“? איך האָב דיך געבעטן, דו זאָלסט מיט דיר ברענגען דאָס ספֿר, וואָס איז געהאַנגען אויף דער טיר פֿונעם קעלער. אַרום חצי אלול האָב איך מיט איר אויפֿגעהערט זיך צונויפֿצוקומען, האָב איך דעם „זוהר“ באַהאַלטן...

פֿון די ווערטער איז געוואָרן צווישן די, וואָס האָבן געוווּסט פֿון דער מעשה מיט מאַרקל שענקערס לץ אין קעלער, אַ שטילע טרעוואָגע, אַ שושקערײַ, אַ ציִען מיט די אַקסלען.

דער רבי האָט בײַ זיך געוווּסט, אַז ער האָט עס געגעבן דעם אַלטן „זוהר“. די לויהאָיאָפּאָלער האָבן געדענקט, אַז דאָס איז אין דער גאַנצער שטאָט געווען אַ גרויסער מופֿת. נאָר דאָס קלוגקייט פֿון מיכלען, אַז ער דערמאָנט דערבײַ ניט דעם נאָמען, האָט די טרעוואָגע אַראָפּגעפּלאַטשט.

שיינצע ענטפֿערט אויף מיכלס פֿרעגן:

— איך האַלט דאָס ספֿר דאָ בײַ מיר. נאַ, נעם און גיב־אָפּ. וואָס טויג דיר אָדער מיר אַ פֿרעמד ספֿר?

דאָס ערשטע מאָל, אַז שיינצע עפֿנט דאָס מויל, און אַזוי שטעכנדיק, אַז עס וואָלט נאָך אַ גרעסערע טרעוואָגע געקאָנט מאַכן, ווען ניט דאָס זייער גרויסע שטערן־טיכל, וואָס דאָס זייער שיינע ווײַבעלע גייט אָנגעטאָן.

ר' גבֿריאל גיסעלעס האָט געוואָלט אומישנע פֿון עפּעס אַנדערש אָנהייבן צו שמועסן, כּדי מען זאָל אין יענעם פֿאַרגעסן. פֿרעגט ער:

— זאָגט זשע, ר' מיכל, איר זײַט דאָך געווען בײַ די מלחמות אין דײַטשלאַנד צווישן די פֿראַנצויזן, נו, האָט איר, ברוך־השם, געלט פֿאַרדינט... פֿרעגט אײַך אַלע אונדזערע לויהאָיאָפּאָליער, וואָס איך האָב געזאָגט — ער קערט זיך צום צדיק — רבי, אַז איך זאָג אײַך, אַ בריה שלימה! מיר פֿלעגן זיי צו רופֿן: „ר' מיכל דער מאָסקוויטישער“, ווײַל זיי האָבן געטויגט צו די גרעסטע יענעראַלן. הײַנט מוז ער טויגן צו די פֿראַנצויזן אַפֿילו... זאָגט זשע, ר' מיכל, וועט איר ווידער קומען צו מיר בײַטן אַסיגנאַציעס? הײַנט איז גאָר אַנדערע מקחים. זאָגט זשע, דעם נאַפּאָליאָנען האָט איר געזען? מען זאָגט דאָך: עפּעס אַ ווילדע בריאה! האַ, ר' טבֿיה, איר האַלט דאָך מיט נאַפּאָליאָנען?...

ר' טבֿיה בילענקיס טוט אַ חסידיש געלעכטערל:

— כע־כע־כע, איך וועל שוין אויפֿהערן צו האַלטן מיט אים, איט. אַז ער האָט מיכלען גאָר דאָס געלט אָוועקגעגעבן, איט, און מיר, איט, ניט געשיקט כאָטש אַ פֿראַנצייזיש זייגערל, איט...

אַלע לאַכן פֿון דעם חרוצישן ווערטעלע, ר' טבֿיהס.

[135] פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. — [136] פֿאַרפֿאַלן ווי אַ הונט אויף אַ מאַרק.

[137] טומל, מהומה, כאַאָס.

[138] פֿעלערן נישט מיט קיין כּוונה, בשוגג. — [139] די תּורה און דער רבונו של עולם איז איינס.

Zainvil likewise saw the huge headband and heard his future father-in-law, Gabriel Gittels, flattering and praising Mikhel in front of the tsaddik. Even Tevye Bilenkis' bon mot indicated that Mikhel had struck oil with the French and was now a rich man. So Zainvil had to flatter him a bit too. He said to Mikhel:

"Please don't be disappointed, Mikhel, if my present father-in-law Dovid Smik and his wife don't attend your wedding. When the Sabbath was over, they had to drive off to Nimyevke. No one is at home, and so they had to hurry."

Mikhel replied in a loud voice, making sure that everyone could hear:

"On the contrary, Zainvil, I owe you an apology for the trouble I caused you with Sarah. It was a silly female notion of hers. She's not even stupid, but this time she made a fool of herself."

They all surrounded Mikhel, a circle of Hassidim. And even Tordes and his wife Menye-Rasye listened. At the head of the table, the rebbe, although pretending to study the *Zohar*, was listening to every word that Mikhel uttered:

"Sarah didn't realize what I had done. Even though I left Nosuchville three days before Rosh Hashanah, I asked Khlyebov to wait for me for five days a few miles outside of town, and I drove back at night. Sheyntse, my fiancée, knew where I'd be waiting in town for her. She came out to me, and we made her up to look like an unmarried woman, and then we took the night coach for Mezhbezh, where I left her with this decent woman." (He pointed to Pini.) "I said she was my sister. Pini took care of my 'sister' until, with God's help, I came back safe and sound, just as we had prayed. Meanwhile, the Nosuchville fools paid a rebbe and burned a candle for forty-eight hours. . . . Hahaha! Sarah was foolish enough to attack you for nothing. Sheyntse was in Mezhbezh while they were hunting for her high and low. We can thank the Lord that *my* miracle helped Sheyntse find her real parents."

He turned to the tsaddik:

"Rebbe, I think it would only be fair to send for Velvele. He *is* Sheyntse's father, after all."

The rebbe reflected for a moment and then said to one of the young Hassidim:

"Lemele, my dear friend, go and summon Velvele. But tell him to have someone else guard Fishl."

The young Hassid was radiant at receiving the tsaddik's orders. He said:

"If there's no one else, then *I* will stand guard. I will make sure that Velvele comes here."

Lemele took off.

Gabriel Gittels asked:

"What are we waiting for? Let's start the wedding. Put up the canopy. How about it, Mikhel?"

For Hassidim, disorder is order. One man says something, the next man issues a command, and someone else understands and obeys. That's how things get done, and Mikhel knew it very well.

He laughed:

"Hahaha! Gabriel, do you know who my attendants will be?" He pointed to the innkeeper and his wife and to Aaron and his wife. "These two couples. Sheyntse's real mother and Sarah, who acted like a devoted mother to her for fifteen years. Right, Aaron? Right, Tordes? Why don't you be our attendants, just as you are!"

Turning to the judge and the cantor, Mikhel took out the beautiful pouch:

"How much should I pay you? Here are two gold ducats. Start



זײַנוועלע זעט אויך דאָס גרויסע שטערן־טיכל און הערט, אַז זײַן באַלד ווערנדיקער שווער, ר׳ גבֿריאל גיטעלעס, חנפֿעט דעם מיכלען מיט אַ לויבעניש פֿאַרן צדיק. אַפֿילו פֿון ר׳ טבֿיה בילענקיס ווער־טעלע ווײַזט־אויס, אַז דער מיכל האָט דערטאַפּט בײַ דעם פֿראַנצויז אַ גרודע גאָלד און איז אַ גרויסער עושר. מוז ער אים כאָטש אַ ביסל חנפֿענען. זאָגט ער צו מיכלען:

— האָט ניט קיין פֿאַראיבל, ר׳ מיכל, וואָס דער שווער מײַנער, ר׳ דוד, מיט דער שוויגער, זײַנען ניט אויף אײַער חתונה. זיי האָבן געמוזט תּיכּף נאָך הבֿדלה אָוועקפֿאָרן קיין נימיעווקע. ס׳איז קיינער נישט געבליבן אין דער היים. צו אַזאַ זאַך מוז מען זיך אײַלן.

מיכל ענטפֿערט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אדרבה, איך מוז אײַך, ר׳ זײַנוועלע, בעטן, איר זאָלט מיר מוחל זײַן. איך האָב, נעבעך, איבער מיר געהאַט עגמת־נפֿש פֿון דער שׂרהן. אַ נאַרישער, ווײַבערשער אײַנפֿאַל פֿון איר. זי איז אַפֿילו ניט קיין נאַר, נאָר דאָ האָט זי זיך דאָך באַנאַרישט...

אַלע שטעלן זיך אַרום מיכלען, אַ ראָד פֿון חסידים. און אַפֿילו דער קרעטשמער טאָדרעס מיט זײַן ווײַב מעניע־ראָסיען הערן־צו. דער רבי פֿון אויבן אָן, כאָטש ער קוקט כּלומרשט אין „זוהר״ אַרײַן, הערט ער איטלעך וואָרט, וואָס מיכל זאָגט:

— זי, שׂרה, האָט נישט געוווּסט, אַז כאָטש איך בין דרײַ טאָג פֿאַר ראש־השנה אָוועקגעפֿאָרן פֿון לויהאָיאָפּאָלי, האָב איך מײַן אַפֿי־ציר־קאָמיסיאָנער כליעבאָוו געבעטן, עטלעכע מײַל פֿון לויהאָיאָפּאָלי, ער זאָל אויף מיר וואַרטן פֿינף טעג, ווײַל איך בין בײַ נאַכט צוריק־געפֿאָרן. מײַן כּלה שיינצע האָט געוווּסט, ווו איך וועל וואַרטן אין דער שטאָט אויף איר. איז זי צו מיר אַרויסגעקומען, דאָ האָב איך זי אָנגעטאָן פֿאַר אַ מיידל, און אַ טאָסקע געטאָן מיט פּאָטשט אויף אַ גאַנצער נאַכט אַהער קיין מעזשבעזש און האָב זי אָפּגעגעבן צו דער ערלעכער ייִדענע — ער ווײַזט אויף פּינין — און איך האָב איר געזאָגט, ס׳איז מײַן שוועסטער. זי האָט די שוועסטער בײַ זיך גע־האַלטן, ביז איך בין, ברוך־השם, צוריקגעקומען בשלום, אַזוי ווי מיר האָבן אונדז געווונטשן פֿון גאָט ברוך הוא. דערווײַל האָבן די לויהאָ־יאָפּאָליער ניט־קלוגע געלאָזט פּדיונען און אַ וועקסן ליכט צוויי מעת־לעת ברענען... כאַ־כאַ־כאַ, אײַך איז מען, נעבעך, אומזיסט נאַריש אָנגעפֿאַלן. לאָזט זיך אויס, אַז שיינצע איז טאַקע אין מעזש־בעזש געווען, בשעת מען האָט זי געזוכט אויפֿן הימל. געלויבט צו גאָט, אַז דורך מײַן מופֿת האָט שיינצע געפֿונען אַ טאַטן מיט אַ מאַמען.

ער קערט זיך צום רבין:

— רבי, מיר דאַכט זיך, ס׳איז אַ יושר צו שיקן נאָך ר׳ וועל־וועלען. ער איז דאָך שיינצעס פֿאָטער.

דער גוטער־ייִד טראַכט אַ מינוט און טוט אַ זאָג צו אַ חסיד פֿון די יונגיטשקע:

— לעמעלע, האָלדס, גיי, קרוין, רופֿן ר׳ וועלוועלען אַהער. נאָר ער זאָל דאַרטן עמעצן אַנדערש איבערגעבן די שמירה פֿון דעם פֿישלען.

דער יונגער חסיד לײַכט, אַז דער צדיק שאַפֿט מיט אים, זאָגט ער:

— אַז עס וועט קיינער ניט זײַן, וועל איך בלײַבן אַ שומר. אַבי ר׳ וועלוועלע זאָל אַהער קומען.

לעמעלע איז אַוועקגעגאַנגען.

ר׳ גבֿריאל גיטעלעס פֿרעגט:

— וואָס מאַכט מען שהיות? לאָז מען שטעלן די חופּה, מיכל, האָ?

בײַ חסידים איז דער ניט־סדר אַ סדר. איינער זאָגט, דער אַנדערער הייסט, און איינער כאַפּט און פֿאָלגט, ווערט אַ זאַך, דאָס ווייסט מיכל.

מיכל טוט אַ לאַך:

— כאַ־כאַ־כאַ! ווייסט איר, ר׳ גבֿריאל, ווער מײַנע אונטערפֿי־רערס זײַנען? טאַקע, — ער ווינקט צום קרעטשמער מיטן ווײַב און צו אהרנען מיטן ווײַב — די בײדע פּאָרפֿאָלק. די רעכטע מאַמע שיינ־צעס און שׂרה, די וואָס איז פֿופֿצן יאָר געווען אַזוי ווי אַ געטרײַע גוטע מוטער. איאָ, ר׳ אהרן? איאָ, ר׳ טאָדרעס? אַזוי ווי איר שטייט און גייט, זײַט שיינצעס מיט מײַנע אונטערפֿירערס.

צום דיין מיטן חזן קערט ער זיך אום און נעמט־אַרויס דאָס שיינע בײַטעלע:

— נו, וויפֿל זאָל איך געבן רחש? נאָט אײַך צוויי רויטע רענד־

Yossele and Obadiah had been sitting in a corner, waiting for Mikhel. Upon his arrival, Yossele walked over to him, he told Mikhel that the thief had cash in a belt, money he had gathered from all the Jewish towns for Holy Land charities.

Fine, fine. They unbuckled the money belt and counted the cash on the table. Four hundred and six gold ducats and six hundred rubles in bills, plus about a hundred silver guldens.

Obadiah, sick, pious Obadiah, trudged over to the table. While everyone remained silent, he said;

"Gentlemen, Holy Land alms must be sent to the Holy Land, but if we find any other money, we have to give it to his wife. I think that would be the only just way."

Everyone agreed:

"That's fair, that's fair."

Mikhel asked Fishl:

"Listen, do you have some kind of memo book or list of how much Holy Land money you collected? Tell me, otherwise I'll hit you!"

"Yes!" The donkey opened his mouth to speak for the first time. "Yes, I have a list, the administrators in every town wrote down what they gave. The list has three hundred twenty ducats. The rest is mine."

Velvele the Expert also did his share. They read and they calculated. It was correct: Only three hundred twenty ducats was registered. Mikhel told Isser and his father-in-law Velvele to hold on to the money and make sure it got to the Holy Land. The rest he gave to Pini, the ducats, the banknotes, and the silver guldens:

"Here you are, Pini, for your dowry, your mother's headband, and for alimony. I want to say something else to you, Pini, which I think would be only fair. You ought to share some of the money with poor, sick Obadiah. Right, gentlemen?"

Pini raised both her arms to God:

"You are good, oh Lord! You wait a long time, but you pay properly. Here are ten ducats for you, Obadiah!" She put the money in his hands. "And you, Yekhiel, I mean Mikhel, I want to thank you. May God bless you and your good, pious wife and grant you the best of luck. May you grow old in wealth and honor. Amen!"

יאָסעלע ר׳ עובֿדיהס איז פֿונעם ווינקעלע, וווּ ער מיטן פֿאָטער איז געזעסן און געוואַרט אויף מיכלען, צוגעקומען און האָט מודיע געווען, אַז דער גנבֿ האָט געלט אַרום זיך אין אַ בײַגאַרטל, וואָס ער האָט צונויפֿגענומען פֿון אַלע ייִדישע שטעט ארץ־ישׂראל־געלט און בעל־הנס־געלט.

גוט, גוט, מען האָט דעם בײַגאַרטל אָפּגעשפּראָנטשקעט [147] און אויפֿן טיש דאָס געלט איבערגעציילט: פֿיר הונדערט מיט זעקס און פֿערציק רויטע רענדלעך און זעקס הונדערט רובל אַסיגנאַציעס, אַחוץ ווײַס געלט אַ הונדערט גילדן.

ר׳ עובֿדיה, דער שלאָפֿער, פֿרומער ר׳ עובֿדיה, איז צוגעקומען צום טיש. אַלע זײַנען שטיל געבליבן, האָט ער געזאָגט:

— רבותים, ארץ־ישׂראל־געלט מוז מען אַוועקשיקן קיין ארץ־ישׂראל, נאָר וואָס מער מען וועט געפֿינען געלט, זאָל מען דעם ווײַב אַוועקגעבן. אַזוי, דאַכט מיר, איז דער יושר.

אַלע האָבן געזאָגט:

— רעכט, רעכט, נאָר אַזוי.

מיכל האָט דעם פֿישלען אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָג נאָר דו, בחור, האָסטו ערגעץ אַ ביכל, אַ רייסטער אָדער אויף אַ פּאַפּיר פֿאַרשריבן, וויפֿל דו האָסט געלט צונויפֿגענומען ארץ־ישׂראל־געלט? זאָג, וואָרעם אַט פּאַטש איך.

— יאָ! עפֿנט דאָס אייזל דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן מויל צו ריידן — יאָ, איך האָב דאָ בײַ מיר אַ רייסטער, ווו די גבאים פֿון איטלעכער שטאָט האָבן מיט זייער האַנט אַרײַנגעשריבן. דריי הונדערט מיט צוואַנציק רענדלעך איז אינעם רייסטער אָנגעשריבן, דאָס איבעריקע איז מײַנס.

ר׳ וועלוועלע דער בריה האָט אויך געהאָלפֿן. מען האָט געלייענט און געחשבונט. ס׳איז אמת: נאָר דרײַ הונדערט מיט צוואַנציק רענדלעך איז געווען אַרײַנגעשריבן. דאָס האָט מיכל געהייסן ר׳ איסרן מיט זײַן שווער ר׳ וועלוועלען זאָלן דאָס געלט נעמען צו זיך און זען אָפּשיקן ווי אַזוי זיי וויסן, עס זאָל אָנקומען קיין ארץ־ישׂראל. דאָס איבעריקע האָט ער אַליין געגעבן פּינין אין די הענט אַרײַן, די רענדלעך מיט די אַסיגנאַציעס און דאָס ווײַסע געלט:

— נאָט, פּיני, פֿאַר אײַער נדן־געלט מיט אײַער מאַמעס שטערן־טיכל און פֿאַר מזונות. נאָר עפּעס וויל איך אײַך, פּיני, זאָגן, וואָס אַ יושר איז. דעם שלאָפֿן ר׳ עובֿדיה, אַז איר ווילט, זאָלט איר דערפֿון אָפּטיילן. איאָ, רבותים?

פּיני האָט אויפֿגעהויבן ביידע הענט צו גאָט:

— דו ביסט אַ גוטער, רבונו־של־עולם! דו האַרסט לאַנג, אָבער דו באַצאָלסט גוט. נאָט, ר׳ עובֿדיה, צען רענדלעך! — זי גיט עובֿדיהן אין די הענט אַרײַן די צען רענדלעך — און אײַך ר׳ יחיאל... ר׳ מיכל האָב איך געוואָלט זאָגן... דאַנק איך. גאָט זאָל אײַך מיט אײַער גוט, פֿרום ווײַב געבן מזל און ברכה. איר זאָלט אײַך עלטערן אין עושר און אין כּבֿוד. אָמן!

נעעקס

[140] אַ שוץ פֿאַרן דור.

[141] (איראָניש) שטענדיקע פּרוי, אַנשטאָט צו זאָגן „אײַער ייִדענע". —

[142] אָפּצאָל, שטײַערן.

[143] (ישעיהו ג, י״ב) דײַנע פֿירערס זײַנען פֿאַרפֿירערס.

[144] ברייטע הויזן. — [145] ראָמען פֿון דער טיר. — [146] שטעקשיך.

[147] געעפֿנט די שפּראָנטשקע, אָפּגעטשעפּעט.